[illegible]

אַלע ווערק פון הערש לייב גאָטליב.

ערשטער באַנד

# לידער פון מיין לעבן

לידער, הומאָרעסקן, ערציילונגען



מאָטטאָ :

וואָס איז דאָס לעבן ? — אביסל טרערן, אַביסל שפּאַס.
אסאַך זאָרג, אַביסל ליבע, און אַביסל האַס.
אַביסל אַ לאַך, אַביסל אַ זיפץ, אָפט אויך אַ קלאָג . . .
דער פירהאָנג פאַלט, און אַ גוטן טאָג ! . . .

— 1933 —
דרוק פון יעקב ווידער סעאיני ס.-וואראהל רומעניע.

FR. Lei 25

אַלע רעכטן פֿאַרבעהאַלטן
נאַכדרוק פֿערבאָטן

Ádresse : für bestellungen

Gottlieb József, dentist.

Sighet-Maramureş.
Str. Ioan Mihai 11. — Romania.

***Printed in Romania.***

— 1 9 3 3 —
Druck von IACOB WIEDER's Buchdrukerei SEINI,
jud. Sătmar. România.

# צו דער ערשטער אויסגאַבע.

אין צייט פֿון שווערן קריזיס. ווען די ווירטשאַפֿטלעכע לאַגע, ווערט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער, און מיר יידישע ליינער זיינען פֿאַרטון אין די שווערע דאגות פֿון פרנסה, אונזער יידישע קולטור, וועלכע גייט נאָך אַלץ אין אירע קינדערשיכלעך און האָט דורכדעם אַ שוואַכע באַזע — אַ קליינעם ליינער־עולם זיך פֿאַרשאַפֿט. וועגן דעם אַראָפּגעשלאָגנקייט, „דאָס נישט גלויבן אין זיך" אינעם „זשאַרגאָן" א. א. וו נישט אַרויפֿברענגענדיק דאָס „יידישע מאַמע לשון" אויף איר הויכן ניוואָ ווי אַ שפּראַך ביי אַלע פֿעלקער, וואָס האָט גורם געווען אַ שוואַכן אָפּקלאַנג ביי די יידישע מאַסן — קומען מיר אַרויס מיטן ע ר ש ט ן ב אַ נ ד לידער און דערציילונגען, פֿון גרויסן מאַראַמאָרעשן ג־טזעליגן פֿאָלקסדיכטער הערש לייב גאָטליב האָפֿנדיק אַז די יידישע ליינער פֿון דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָבן אים געקענט און געליינט פֿון אים, פֿונם „אין מאַראַמאָראָש פֿאַרזינקענעם פֿאָלקס זינגער", דעם משכיל וועלכער האָט געהאַט אויסצושטיין גרויסע רדיפות אין שטעטל סיגעט און אין זיין גאַנצער סביבה אין יענער צייט אין דער השכלה עפּאָכע. ווען ער האָט זיך ארויסגעשטעלט אין קאַמף אַ קעגן די אומרעכט וואָס מ'האָט געטון מיט אָרעמע לייט. די גרויסע קשיא ווען ער פֿרעגט אַלץ דעם „פֿאַר וואָס" פֿון אָרעמקייט און דער תירוץ, וועלכער לאָזט איבער אין זיינע טרויריקע לידער־קלאַנגען דאָס נישט פֿאַרענטפֿערטקייט.

ס'איז איבעריק צו שרייבן גרעסערע פּראַזאָלאָגיעס אָדער הלליה׳ס וועגן גאָטזעליגן דיכטער. די היינטיקע גרויסע דיכטער פֿון פּוילן, אַמעריקע און די זשורנאַליסטן פֿון דער גאַנצער וועלט האָבן שוין פֿונלאַנג געשריבן פֿון אַלטן „טרובאַדור אונטער די מאַראַמאָרעשער הריי־חושך" ווען זיי האָבן אים אויף זיין קראַנקנבעט באַזוכט. די גרויסע ליטעראַרישע וועלט האָט זיך תמיד וועגן אים אינטערעסירט — נאָר זיין אייגענע היים וו ער האָט אַמאָל געקעמפֿט פֿאַר דער קולטור, האָט אים ווי כמעט פֿאַרגעסן. נאָר נישט פֿון אַ לאַנגע צייט האָט מען זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן. די יידישע ליינער האָבן אונז אָפֿטער באַזוכט אַז מיר אייניקלעך, פֿאַרוואָס מיר גיבן נישט אַרויס חאָטשע דעם ערשטן באַנד, און דעם

צווייטן וועלן שוין פאַרלאַנגען די יידישע־לייענער מאַסן — ס'איז אַ שאַנד אַז מיר זאָלן נישט אָבגעבן .חאָטשע אַזוי פיל כבוד פאַרן פאַרשטאָרבענעם ערשטן מאַראַמאָרעשן פאָלקסדיכטער !

אויך האָבן מיר פון מערער שריפטשטעלער, סימפאַטיקער, בריוו באַקומען, מיר זאָלן זען ארויסצוגעבען דעם ערשטן באַנד און זיי פאַרהאָפן, אַז דער באַרומטער נאָמען ה ע ר ש ל י י ב ס י ג ע ט ע ר, וועט אין דער גאַנצער וועלט, ביי אַלע יידישע לייענער גרויס פרייד און אינטערעסירונג ארויסרופן — און הויפטזעכליך אַ מאַטעריעלע אינטערשטיצונג.

מיר בעטן באַקאַנט צו מאַכן אַלע פריינד: אין אַלע יידישע הייזער זאָל נישט פעלן דער ערשטער באַנד טרויער און פרייד לידער הומאָרעסקן, דערציילונגען, פון גאָטזעליגען מאַראַמאָרעשן פאָלקסדיכטער ה ע ר ש ל י י ב ג אָ ט ל י ב.

יוסף גאָטליב
קאַנטאָר משה שאָלאָמאָן.



# אוטוביאָגראַפֿי

# פֿון פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָלקסדיכטער

## הערש לייב גאָטליב 1930 - 1829

געבאָרן בין איך אין דער שטאָט סיגעט (מאַראַמאָרעשר קאָמידאַט אין אונגאַרן) אין יאָר 1829 ערצויגן האָבן מיך די אונגאַרישע ישיבות. דאַן ווי איך האָב נאָר דערגרייכט די 11־יאָר, האָב איך שוין פֿאַרלאָזט דאָס הויז פֿון מיינע עלטערן, און בין אַוועק אין דער ישיבה. ווען איך בין אַלט געוואָרן 16־יאָר האָב איך שוין געלערנט אין פּרעסבורג, ביים כתב־סופֿר. דאָס איז געווען די גרעסטע ישיבה פֿון אונגאַרן, איך האָב פֿלייסיג געלערנט, דען איך האָב גערעכנט רב צו ווערן, און איך וואָלט געוואָרן, — ווען נישט דער פֿעלער: וואָס מיין פֿאָטער איז קיין רב געוועזן... דער טויט פֿון מיין פֿאָטערס לעבן, האָט פֿאַראורזאַכט, אַז איך האָב די ישיבה פֿאַרלאָזט, און בין אַהיימגעקומען. אינדערהיים האָב איך מיך באַפֿאַסט צו שרייבן יידישע און העברעאישע געדיכטע, און דאָס האָט מיך פֿאַר אַ בדחן געמאַכט. איך בין ריכטיק געוואָרן איין באַרימטער בדחן, אין גאַנץ אונגאַרן גאַליציע רומעניע. צו אַלע גבירים, און צו אַלע גוטע יידן (רבנים) בין איך גערופֿן געוואָרן אַלס בדחן, ווען זיי האָבן חתונה געמאַכט. דאָ אָבער, איז דער נאָמען בדחן זייער אומאַנגענעם געווען פֿאַר מיר. האָב איך מיך ענטשלאָסן, איין העברעאישע צייטונג צו רעדאַגירן. אין יאָר תרנ״ד איז ריכטיק ערשינען פֿון מיר אַ העברעאישע צייטונג מיטן נאָמען „השמש״. און דער „השמש״ האָט ריכטיק. וועגן זיינע געדיגענע אַרטיקלען, אָנגעפֿאַנגען, ווי די זין צו גלאַנצען. אויך די סיגעטער ייגנט האָט אָנגעפֿאַנגען פֿלייסיג העברעאיש צו שרייבען, און אַזוי האָב איך מיין „שמש״ צוויי יאָר רעדאַגירט, בהשקט, ובנחת.

„ויהי מקץ שנתים,״ האט זיך פלוצלינג אָנגעצינדן דער צאָרן פֿון הרב חנני׳ יו״ט ליפּא מרא דאתרא פֿון סיגעט. אונטער דער פֿאָרוואַנד באשר אַז די צייטונג „השמש״ מאַכט אויס אַלע יינגע לייט אַפּיקורסים, און האָט אַרויסגעגעבן איין איסור, כמעט אַזוי ווי אַ חרם, אַז דער „השמש״ זאָל מער נישט געלעזן ווערן, און דאָס האָט ריכטיק פֿאַראורזאַכט, אַז דער „השמש״ האָט אויפֿגעהערט צו ערשיינען. און

אַזוי בין איך געבליבן אַ היפשע צייט מיט מיינע 7 קינדער ברויט־לאָז. און אַזוי האָט מיך די נויט געצוואונגען, איך זאָל די היימאַט פֿאַרלאָזן, און בין געקומען נאָך „קאָלאָמיי" אַגרויסע יידישע שטאָט אין גאַליציע. דאָרטן האָבן מיך די משכילים ווי אויך די לומדים, עמפּפאַנגען בכבוד גדול, און מיך אונטערשטיצט. אַז איך זאָל דעם „השמש" ווייטער אַרויסגעבען. — אָבער אין גאַליציע האָט דאָס געזעץ נישט ערלויבט אַ וואָכנבלאַט אָנאַ קאַפּציאָן, אַרויס צו געבן איין וואָך די צייטונג מיטן נאָמען „השמש". און די צווייטע וואָך מיטן נאָמען „החרסה" דאָס איז געווען זייער אַ שווערע אויפגאַבע, דען איין בלאַט מיטן צווייטן האָט נישט געדאַרפט קיין שום שייכות האָבן. צום גליק אָבער האָב איך בעקומען די גרעסטע סופרים פֿון גאַליציע אלס מיטאַרבעטער, נעמליך. א ש ר ר א ב י ן, ב ר ו י ד ע ס פֿון לעמ־בערג, ז י ל ב ע ר ב ו ש פֿון קאָלאָמיי. ג ר ש ו ן ב א ד ע ר פֿון לעמ־בערג. און אַזוי האָב איך דריי יאָר, די צוויי צייטונגען רעדאַגירט אין קאָלאָמיי. אָבער וועגן פֿאַמיליע אורזאַכן. בין איך געווען גע־צוואונגען צוריק אַהיים קיין סיגעט צו קומען. אין סיגעט האָב איך פֿון מערערע אָנגעזעענע מענשן ערפֿאַרן. אַז דער כעס פֿון רב, איז געווען ווייל די צייטונג איז געווען געשריבן „לשון הקודש," דאַהער האָט מען מיך געראָטן אַ זשאַרגאָן צייטונג אַרויס צוגעבן, דאָס וועט דער רב אויך באַוויליקן. איך האָב די דאָזיקע עצה אָנגענומען פֿאַר גוט און גלייך דערויף איז ערשינען אַ זשאַרגאָן צייטונג מיטן נאָמען „יידישע פֿאָלקס צייטונג" — „והעיר סיגעט צהלה ושמחה" — ווייל די צייטונג איז באַשטאַנען מיט הומאָריסטישע אַרטיקלען, וויצן, לידער, און שיינע דערציילונגען, מיט איין וואָרט, די גאַנצע שטאָט, זאָגאַר די יידישע דאָקטוירעם ווי אויך די געבילדעטע קלאַס. וואָס האָבן פֿון זשאַרגאָן נישט געוואָלט וויסן — האָבן אלע די פֿאָלקסצייטונג אַבאָנירט. אין דער צייט האָט די אידעע „ציון" אויך אין סיגעט פּראָפּאָגאַנדירט. און ס'האָט זיך געבילדעט אַ פֿאַריין מיטן נאָמען „אהבת ציון„. גאַנץ נאַטירלעך בין איך אויך איינער פֿון די מיט־גלידער געוועזן. ס'איז געווען אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג, מען האָט גע־האַלטן רעדעס, אויך איך האָב אַ „ציון" פֿאָרטראַג געהאַלטן. וועלכער האָט אַ גרויסן רושם געמאכט, דאָ האָט דער ר ב בעקומען אַ „מקום לגבות" — קעגן מיר אויפצוטרעטן, דאַ אָבער האָבן זיינע חרמות שוין מער נישט געהאָלפֿן, דער עולם האָט שוין מער נישט דערויף געאַכטעט, האָט ער פֿאַרבאָטן די דרוקעריי. וואָס האָט די פֿאָלקס־צייטונג געדרוקט — מער נישט צו דרוקן, און קיין אנדערע יידישע

דרוקעריי מיט יידישע אותיות איז דעמאָלט נאָך אין סיגעט נישט געווען, — און די פֿאָלקסצייטונג האָט אויפֿגעהערט צו ערשיינען. איך בין באלד נאָך ווין צום גאָטזעליגן דר. הערצל געפֿאָרן, כ׳האָב אים אַלעס דערציילט, ער האָט מיך מיט באַדויערן אויסגעהערט. „נון וואַס דענקען זי יעצט צו טון״? פֿרעגט מיך דר. הערצל — איך קלער מיר דאָ אין ווין צו פֿאַרשאַפֿן יידישע בוכשטאַבן פֿאַר אַפֿאָר הונדערט גילדן, און איך וועל עס מיט מאָנאַטלעכע ראַטן באַצאָלן. דאָקטער הערצל האָט אַ זאנפֿטן שמייכל געגעבן, און מיר געזאָגט איך זאָל קומען מאָרגן אינדערפֿרי 10 אַ זייגער — „איך ווערדע זי ערוואַרטן היער״ האָט ער זיך פֿון מיר געזעגנט. — דעם צווייטן טאָג, ווען איך בין אין דער קאַנצעליי געקומען, האָב איך שוין דאָרט געטראָפֿן דר. הערצלען, דר. קאַהאַן, און דר. קאָקאָשי. האָט אַ קוויטונג פֿון 160 גילדן אויסגעשטעלט דאַס האָט מען מיר אויף רייזע שפעזן געגעבן, און דער קאַנצעליי דינער, האָט מיך געפֿירט צו דער פֿירמאָ „שוואַב אונד זאָהנע״, דאָרט האָב איך פֿאַר 800 גילדען אַ באַשטעלונג געמאַכט, מיט צוויי מאָנאַט שפעטער. האָב איך שוין אין סיגעט געהאַט די בוכשטאַבן, ריין סאָרטירט, גענוג פֿאַר מיין בלאַט. — אין אַ קורצער צייט דערויף, איז אויך דער סיגעטער רב ז״ל געשטאָרבן. איך האָב דאַן אָנגאַ שטערונג איין צייטונג אַרויסגעגעבן מיטן נאָמען „ציון״ און אויך „אהבת ציון״ און אַ מאָנאַטשריפֿט די „וואַרהייט״ ביזן וועלטקריג.

יאָ, אַזוי האָב איך מיינע שענסטע יאָרן, געאָפּפֿערט, אינעם פֿינסטערן מאַראַמאָרעש, פֿאַר דער ליטעראַטור און קולטור...

# וואָס איז דאָס לעבן...

וואָס איז דאָס לעבן? — אַביסל טרערן, אַביסל שפּאַס,
אַסאַך זאָרג, אַביסל ליבע, און אַביסל האַס,
אַביסל אַ לאַך, אַביסל אַ זיפֿץ, אָפּט אויך אַ קלאָג...
דער פֿירהאַנג פֿאַלט, און אַ גוטן טאָג!...

וואָס איז דאָס לעבן? — אַביסל שרעק, אַביסל חלום,
אַ ביסל „מזל טוב", און אויך אַביסל „עליו השלום",
פֿון צײַט צו צײַט אַ ביסל וויץ, אַ טראַכט,
דער פֿירהאַנג פֿאַלט, און — אַ גוטע נאַכט!...

וואָס איז דאָס לעבן? — אַביסל גלייבן, אַביסל פֿאַנטאַזירן,
אַביסל דענקען, און אַביסל שפּעקולירן,
אַביסל ערליך, און אַסאַך בעטראָג,
דער פֿירהאַנג פֿאַלט, און — אַ גוטן טאָג!...

וואָס איז דאָס לעבן, — אַסאַך כעס אַביסל מילד,
אַביסל סעליד, און אַסאַך ווילד,
אַביסל כבוד, און אַסאַך פֿעראַכט,
דער פֿירהאַנג פֿאַלט, און — אַ גוטע נאַכט!...

דעם מענשנס לעבן, איז דאַכט זיך אזוי קליין
איין עפּעס, וואָס ענדיגט זיך צווישן יאָ און ניין;
דאָך איז דאָס לעבן, אַ טייערע זאַך,
דאָס לעבן איז עפּעס, אָבער אויך אַסאַך...

* * *

# די ליבע

ביי נאַכט ווען עס איז ראָויק שטיל,
מיט פֿינסטערניש און שרעקן פֿול,
איז אַלדינג כמעט אָן געפֿולט,
מען הערט נישט קיין ליאַרעם קיין גערידער,
די נאַטור רוט אויס אירע מאַטע גלידער,
אין שוואַרצען נאַכטגעוואַנט איינגעהילט...

דעמאָלט איז מײַן ליבע פרײַ פון איר קערפּערליך הויז,
שטייט אויף, און פּוצט זיך שיין אויס;
און פליט שטילערהייט אַוועק אין אויגנבליק,
זוכט דאָס הארץ וואָס מיר טוט געפעלן,
און טוט זיך דערצו באַהעפטן, געזעלן,
אינדערפרי קומט זי צו מיר צוריק...

* * *

# דער בעכער

זאָג מיר מאַמע נור ריין און קלאָר;
איז אמת וואָס עס האָט,
מיר פאַרציילט דער זיידע מיט די ווייסע האָר?
„אַז אין הימל דאָרט פאַר גאָט"...
שטייט כביכול און אַ בעכער דאָרט אָנגעגרייט.
און ווען מיר מיטשען זיך דאָ אַזוי שווער,
האָט גאָט רחמנות גרויס מיטלייד,
לאָזט ער אין כוס אַריין אַ טרער?...

—עס איז אמת קינד מיינס—

זאָג נאָך מאַמע וואָס איך פרעג דיך?
איז דאס אויך אמת און זעכער:
אַז קומען וועט דעמאָלט משיח,
ווען עס וועט פול זיין דער בעכער?...

—עס איז אמת קינד מיינס —

נאָך די פראַגן צוויי,
שטייט דאָס קינד טרויריק, שטיל,
פרעגט דערנאָך — מאַמע טרייע
ווען וועט דער בעכער שוין זיין פול?...

און ער הויבט די אויגן העכער,
טרויריק צו דער מוטער אַרויף,
איז דען אָנאַ דנאָדער בעכער,
וואָס מיר ליידן אָנאַ סוף? ...

מען טוט אונזער פלייש, קאָכן, בראָטן,
מיר ליידן, דאָס כוס וויל נישט פול ווערן,
אפשר טרינקט עס אויס דער שטן
פון בעכער אונזערע טרערן ?...

די מוטער שווייגט. זי טוט זיך שעמען,
אויף דעם קינד איז זי געבויגן
עס ציטערן איר די ברעמען,
און זיפצט, טרויריק מיט פייכטע אויגן.

עס פאַלן טרערן גאָר סכנות,
אויף דעם קינדס פאַרקלערטן שטערן,
גאָט און הימל האָב רחמנות !
נעם אין כוס אריין די טרערן !...

* * *

# דאָס האַרץ און די האַרף

דעם מענשנס האַרץ איז גלייך אַ האַרף.
אין האַרף מיט פילפאַכ'ן קלאַנג,
דאָ קלינגט עס זיס, גלייך, הימלישן געזאַנג,
דאָ ווידער, האַרצרייסנד ביטער שאַרף...

דער גורל שפילט, נאָך זיין לוסט,
עס קימערט אים נישט דאָס אינסטרומענט,
שנעל, וועקסלט פאַרשידן,
באַלד, יאָכצט, באַלד שטייגט דעם מענטשנס ברוסט.

* * *

# דער אייביקער סוד

נאָך אַ יאָר, איז נאָך אַ רינג,
אין דער גרויסער קייט פון דער וועלט,
ווו דער אָנפאַנג, ווו איז די ענד ?...
אַלעס איז פאַר אונז פאַרשטעלט.
און וואָס איז דער צוועק דערפון...
ווען איך לעב שוין הונדערט יאָהר ?

איך אַרבעט, עס, און שלאָף, און שטאַרב,
און עס קומט אַ נייער דור,
און די ערד, דאָרט בייט מיך אויס,
פֿאַר אַ בוים, אָדער פֿאַר אַ בין,
און מיט אַלעם וועקסלט זי
וואָס איז פֿאָרט דער צוועק, דער זין ?
מיט דעם גאַנצן זינסיסטעם
מאַכט די „נאַטור״, דעם זעלבען שפּיל
איין פּלאַנעט, דאַרט, צעפֿאַלט,
האָט זי שוין שטאָף אויף נייע פֿיל,
און אַזוי איז מיט די מיליאָנען
זינען, וואָס מיר זעען נישט.
זאָג מיר פֿאָרט, „נאַטור״ געהיימע !
וואָס באַצוועקסט אייגנטלעך דערמיט ?...

* * *

## פֿאַרצווייפֿלונג

טויזנט בילדער,
איינער ווילדער,
פֿון דעם צווייטן טוישן זיך.
און זיי פֿליען,
און זיי ציען,
דורך מיין שוואַכן מוח גיך...

און זיי דריקן,
און דערשטיקן,
אין מיר אַיעדע לעבענס פֿרייד,
אין זיי וועקן,
טיפֿע שרעקן,
שווערע אומבאַגרעניצטע לייד...

און זיי פּלאָגן
מיך. און זאָגן
זע ! דיין פֿאָלק האָבען מיר
גאָר איר שטרעבן
מיט איר לעבן
געטויט — ס׳איז אויס מיט איר...

* * *

# אליהו הנביא׳ס כוס

אין ווייטע מדינות אין לענדער צעשפרייטע,
אין פוילישע דערפלעך אין שיינעם פאַריז,
אין אַמעריקע, וואוהין דאָס יידעלע מאַכט פליטה,
פייערט ער זיין פסח, ווו נאָר ער איז...

ער פייערט דעם פסח מיט מצה, מיט מרור,
און טרינקט פיר כוסות, און עפנט די טיר,
פאַרן הייליקן נביא, דעם גייער, דעם פאָרער,
וואָס זוכט אויף דעם קבצן, און אויך דעם גביר...

אַזוי ווי דער הייליקער נביא, פינקט, באַשטימט
איז אונזער ייד אַ גאַסט אומעטום,
מען עפנט אים, די טיר, ער, קומט,
ער קומט געבויגן און שטום...

דאָך בלייבט פול זיין בעכער פון האָניק, מילעך
עס טרינקען אים נאָר, אַנדערע אויס,
דער ייד, ווי דער נביא — איז גאַסט משולח,
אַט הערשט אַריין — און ער איז שוין אַרויס...

# דער פרילינג

דער פרילינג דער שיינער,
דער ליבער דער פיינער,
איז שוין געקומען ווידער.
עטלעכע חדשים לאַנג;
איז געבעך געלעגן קראַנק
דער ליבער גוטער ברידער...
געלויבט איז אַצינד גאָט
וואָס ער האָט
אים ווידער געזונט געמאַכט.
מיר זעען אים אַצינד,
פריש, שטאַרק און געזונט,
שטייט ער פאַר אונז און לאַכט...

פון דער זון באַלייכט,
גייט ער מיט פרייד,
אויף פאַרשידענע וועגן...
אַ יעדער וואָס לעבט,
לויפט און שוועבט,
דעם ליבן גאַסט אַנטקעגן,
אים מיט שלום צו גרוסן,
און פאַרגניגן צו געניסן,
פון זיין הערלעך געשטאַלט.
וויוואַט! פרילינג איז געקומען
רופן מיט פאַרשידענע שטימען,
איבעראַל יינג און אַלט...

זיינע מתנות צו שענקען,
יעדן צום אָנדענקען,
פאַקט ער אויף זיין בינטל
דעם גוט ער אַביסל זאָמען,
דעם ווידער — שיינע בלומען
און דעם ווידער אַ קיל ווינטל.
מיט גרין גראָז די פעלדער
מיט שיינע בלעטלעך די וועלדער
טוט ער אומעטום באַדעקן.
אַ הינצעציר, אַביסל ווייטער,
באַלייגט ער מיט שיינע קרייטער,
וואָס טוען זייער זיס שמעקן...

פייגעלעך שווישטשען, זינגען,
אויף צווייגלעך אַרומשפרינגען,
אַ כייל שוועבן אין דער לופט,
די שעפעלעך און ציגען
פאַסען מיט פאַרגניגן.
יעדעס הוליעט און שטיפט.
אונטער אַ בוים אין שאָטן,
זיצט דער פאַסטוך פון וויטן,
שפילט אויף אַ פייפעלע און זינגט —

רויק, שטיל איז ארום אים,
ער, האָט פֿאַרגעניגן פֿון דעם
וואָס יעדעס שעפּעלע היפּט, שפּרינגט...

די הענדלעך און הינדלעך,
מיט די טעכטערלעך און זונדלעך
זוכן, עסן, צווישן גרעזלעך
עס איז גאָר וווּנדערלעך
ווי זיי האָדעווען, זייערע קינדערלעך,
מיט קערנדלעך מיט ברעזעלעך.
אין וואַסער ריין ווי אַ שפּיגל
פּלעסקען זיך מיט די פֿליגל
שיינע גענזלעך, און קאַטשקעלעך.
נאָך זייער באָדן און שווימען,
טוען זיי פֿונם וואַסער קומען,
און פּאַסען אָפּ בלומען און טשאַטשקעלעך.

* * *

## דער זומער

די שיינע זין, ברענט און בראָט,
יעדן אין פֿעלד ווי אין שטאָט,
מענשן גייען אום פֿאַרשוויצט,
באַלד האָבן זיך וואָלקן פֿאַרשפּרייט,
אַ שטאַרקער שלאַקס-רעגן גייט
עס דינערט שטאַרק, עס בליצט.
פֿון די וואָלקן קומט די זין אַפּיר,
שיינט ווידער הערליך ווי פֿריער,
דעם רעגן, דערקענט מען קוים,
אַז מען קומט אויף דעם פֿעלד אַרויס,
באַוועגט זיך די תּבֿואה, זעט אויס,
ווי פֿונם וואַסער דער שטרוים...

אין די טייכן, די זשאבקעלעך,
שטרעקן צו שווימען די לאַבקעלעך
פּלאַפּערן, שרייען, געוואַלדעווען, זינגען

אין וואַסער וואָס איז ווי גראָז גרין
פליעסקען זיי זיך לויפן אַהער־אַהין,
טוען אויף פון דאָרט אַרויסשפּרינגען.
בהמות אין פעלד פאסען און קייען
מען הערט זיי מעריקען און שרייען
שפּרינגען און ווידלען מיט די שווענץ,
אין דער תבואה דער היישעריק טיט זעגן,
שעפּעלעך קעלבעלעך, מוקען אַקעגן,
די הינער שרייען, עס שנאָרכן די גענז.
אויף דעם פעלד, דאָס שיינע גראָז,
שפּראָצט וואַקסט אויס דער מאָס,
עס ווערט, דערפון היי אָפגעקאָסעט,
דאָס פעלד אינדערפרי זעט מען אָן,
ווי אַ קלייד מיט פּערל אָנגעטאָן,
פון די טוי טראָפן וואָס איז באַראָסעט,
די בוימער פון עפּל און בארן,
מוז מען שטיצן און אינטערשפּאַרן,
זייער זיסע לאַסט וואַזשעט אַראָפּ.
קאַרשן מארעלן ווייַנשל פלוימען,
זיינען אַזוי גרויס ווי די דוימען,
אלדינג איז צייטיק, מען רייסט עס אָפּ...

עס איז אויך שוין פאַרטיג געוואָרן
האָבער, ווייץ, גערשטן, און קאָרן,
עס ווערט פונם פעלד אָפּגעשניטן,
ליידיג בלייבן נעבעך די פעלדער
עס הויבן שוין אויך אָן די וועלדער
זייערע בלעטעלעך אָפּצושיטן,
מען הערט דעם שופר, ער גיט אַ בלאָז
יידלעך פארכטן זיך, לאָזן אַראָפּ די נאָז
די ימי נוראים קומען שוין אַצינד
זיי הויבן אָן צו ווייַנען און קלאָגן
אין האַרץ אַריין זיך צו שלאָגן
בעטן גאָט ער זאָל מוחל זיין די זינד.

* * *

# די וועלט און דער מענש.

אוי פינסטער, פינסטער איז די וועלט זער,
איבעראָל צוגעדעקט מיט אַ שווארצן שלייער.
ווי אַ ווערעמל מוז דער מענש דאָ אומקריכן,
און ווייסט זיך נעבעך נישט, דעם וועג אָפּצוזוכן
ער איז פאַרצוימט מיט דערנער וואָס שטעכן,
יעדער טריט אַ גריב דאָס האַרץ מוז ברעכן.

די האָר שטעלט זיך אויף פאַר שרעקן
ווילדע חיות לויפן אום אין אַלע עקן
מיט פייערדיקע אויגן, שנאָרכן, עס איז אַ גרויל,
מיט כעס, מיט רציחה עפענען זיי דאָס מויל
אים צו פארשלינגען, זיך מיט אים צו שלאָגן
און זייער נעץ אים אייביק צו באַגראָבן...

רויבערס שפּינגען אַפיר, דעם מענשנס פיינד,
זיי האַסן דעם ליכטיקן טאָג, ווען ער שיינט,
נאָר מיט פינסטערניש, האָבען זיי אַ בונד געשלאָסן
חברותה געמאַכט, בלוט זאָל ווערן פאַרגאָסן,
דעם מענש צו שטעכן, צו טויטן,
הויבן זיך אָן די רוצחים פאָרצעברייטן...

נאָך אַ טריט, און ער איז נעבעך באַלד טויט.
פלוצים דערשיינט אַ לעכטל אין דער נויט,
ער דערזעט יעדן גריב אַיעדן דאָרן,
וואַכט אויס, און איז באַלד געהאָלפן געוואָרן,
די ווילדע חיות, קערן אין זייער נעסט צוריק,
די רויבערס דערשרעקן, אַנטלויפן דעם אויגנבליק...

דאגות זענען דערנער וואָס דעם מענש שטעכן,
די נויט אַ גריב, האַלז און לייב צו ברעכן
דאָס אומגליק אַ ווילד טיר, אים צו פאַרצערן,
מענשען זיינע פריינד, צו זען זיין בלוט גערן,
דער שכל, איז אָבער זיין ליכט וואָס לייכט,
פאַר אים באַהאַלט זיך אַלדינג און וואַכט...

* * *

# רעזיגנאַציע

שוין יאָרן לאַנג, פרעג איך זיך אַליין
אייגנטליך צו וואָס איך עקזיסטיר?
איך וועט געוואָלט די אורזאַך, פֿארשטיין
צו וואָס איך שלעפּ דאָס לעבן אויף מיר?...

וויאַזוי הייסט די זאַך? וואָס צעליב איר,
לעב איך אין צרות, דאָ אויף דער ערד,
און וואָס איך לייד, פּלאָג זיך אָנאַ שיעור
אלעס איז, זי ווערט...

איך זוך מיט ליכט, און קען נישט געפֿונען
צו וואָס אייגנטלעך איך לעב אין צרות, אין נויט,
וואָס קען מען דען מיט אַזאַ לעבן געווינען?
וואָס איז ערגער ווי דער טויט!...

אַ לעבן וואָס האָט נישט אין זיך אַ פֿריילעכע מינוט,
אַ יעדער טאָג איז אויס לויטער מאַטער און טרערן,
אַ יעדער ביסן ברויט איז געפֿאַרבט פֿון בלוט,
אַ יעדעס עסן איז געקאָכט אין שווייס פֿון שטערן...

און קיין איינציגן שטראַל פֿון גליק
האָבן מיינע אויגן נאָך נישט געגאַפּט,
הענט און פֿיס געבינדן ווי מיט שטריק,
דער גאַנצער קערפּער און נשמה, אָך — פֿאַרשקלאַפּט...

צו וואָס טויג ווידער די שווערקייטן טראָגן
צו לעבן גאָר אָנאַ צוועק?
איז נישט גלייכער צו זאָגן
איך וואַרף פֿון מיר אַלעס אַוועק?...

דאָס צעבראָכענע שיפּעלע אין זיכערקייט צו שטעלן,
צו וואָס אַלעס בלאָנדזשען, אין ים ווי בלינד,
שוין גענוג געקלאָפּט די שרעקלעכע וועלן,
שוין גענוג האָט עס אַרומגעיאָגט דער ווינט.

די פֿראַגע ליגט ביי מיר אין האַרצן,
און צאַפּט שטענדיג מיין בלוט,
זי מאַכט מיר נאָך גיפֿטיגער די שמערצן
און לאָזט מיך נישט אָפּ איין מינוט...

## דאָס וועל איך גלויבן.

ווען איך בין נאָך קליין געוועזן,
נאָך געחלומט אין פֿרומען שלאָף,
האָב איך געגלייבט אָן דען:
„גאָט איז אַ פּאַסטוך און מיר זיינען שאָף"

נישט איינמאָל האָב איך שוין פֿאַרגעסן,
אינעם פּאַסטוך דאָרט אויבן,
„אַז מענשן זענען שאָף" — פֿונדעסטן...
אָך! דאָס וועל איך אייביק גלויבן...

* * *

ווען דאָס לעבן איז פֿאַרביטערט,
און דאָס האַרץ הויבט אָן צו קלעמען...
און אַ טרער אין די אויגן ציטערט,
אָך! און דערציילן איז נישטאָ וועמען...

זיין אייגן פעקל האָט אַיעדער
ס'דאַרף קיינער קיין צוגאָב פֿון מיר,
דעמאָלט בלייבט אַ טרייסט די פֿעדער,
און געדולד האָט דאָס פּאַפּיר...

* * *

יאָרן פֿליען, יאָרן שוועבן
ווי אַ שטורם פֿון באַרג און פֿעלד,
די צייט פֿליסט דורך אונזער וועלט,
און שווענקט אָפּ אונזער לעבן...

כח, ייגנט, גליק, און נויט,
יאָמער, הערשאַפֿט, און פֿאַרמעגן,
אַלע שטראָזן, אַלע וועגן,
פֿירן, ברענגען — גאָר אַהין צום טויט...

# נאָך ד־היינע

מאַנכער טראַכט און קלערט.
וואָס אין הימל דאָרט פֿאַרגייט...
וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד
דאָס באַטראַכט, און גיב באַשייד...

פֿאַרוואָס שלעכטע מענשן, שטאָלצירן
רייטן שטאָלץ אויף גרויסע פֿערד,
בשעת, די ערליכע זיך קויבּ רירן,
קריכן ווי די ווערים אויף דער ערד ?...

* * *

# עלעגיע

עלנד איינזאַם ווי אַ שטיין,
דאָ אינעם ערדישען געצעלט,
מיינע אויגן בּאוויינען זיך אַליין,
וויסט טרויריק איז מיין וועלט.
קאַלט פֿינסטער פֿאַרשמאַכט,
ווי דער ווינט כסליו בּיינאַכט,
קרעכצט מיין הערץ און יאָגט,
עס יאָמערט און קלאָגט,
ס'באַוויינט די עלנדע וועלט...
מיין לעבן איז מורא און פּיין,
מיין ייגנט — אַ יינג געוויין,
מיין מזל ליגט באַהאַלטן,
אונטער אַ וואָלקן אַ קאַלטן,
דאָרט ליגט מיין מזל פֿאַרשטעלט...

אין אַ שיינער זומערנאַכט
דער בלויער הימל איז ריין און קלאָר,
די זילבּערנע לבנה פֿון פּראַכט,
מונטערט אויף די גאַנצע נאַטור,
ס'שפּאַצירן פֿרויען, וואונדער־שיין
אויסגעצירט מלא חן...

פֿון הימל טוט באַלזאַם פֿליסן,
אַלעס לוסטיג — געניסן,
איעדער פֿריילעך און לאַכט.
...נאָר מיין מזל ליגט פֿארבאָרגן,
הערט דער נאָכטיגאַל, וויינען, זאָרגען...
אינאיינעם מיט מיר־מיט.
מיט טרערן — פֿון מיין טרויער געבליט...
מיין לעבן איז אַ פֿינסטערע נאַכט.

* * *

## דער ווינטער

ווידער איז אוועק דער זומער,
אין דער טיפֿער אייביקייט,
און דער ווינטער מיט זיין קימער,
איז שוין גורנישט ווייט.

נאקעט שטייען שוין די צווייגן
ווי סקעלעטן צור ערד געבויגן
אויס זעפֿטע ! נישטאָ וואָס צו זייגן.
רייץ, גלאנץ, — אלעס האָט אוועק געצויגן,

דער הערבסט ! — איך פֿרעג אייך ברודער,
איז ער נישט דעם זומערס גסיסה ?
ווי אלעס מיט שטאַרק גלידער
ראנגלט זיך פֿאַר דער מיתה ? !...

דער גרינער בוים שטייט קאַלט און שוואַרץ
ס׳פֿאַלן פֿון אים די בלעטלעך כסדר,
ער ציטערט גאָר ווי דעם יידנס האַרץ,
די נאַטור שפינט שוין אירע תכריכים קליידער...

און אין יענעם טאָל דעם טיפֿן
הער איך אַ טייכל מורמלען, קלאָגן,
טרויריקע טענער טוט דאָס וואַסער טריפֿן
איך ווייס—ס׳טוט זעכער איצט מיטן זומער פֿריינד ווידוי זאָגן.

* * *

# אמת ושקר

איך הער שוין דאָס ווערטל אַסאַך יאָרן
„שקר אין לו רגלים״, נאָר אמת האָט רגלים ווי אַ ריז,
איבער דעם זעט מען דעם שקר אין קאלעסן פאָרן,
און דער „אמת״ מוז נעבעך גיין טאַקע צעפּוס...

דער אמת האָט אויך די פוס פול מיט הינער אויגן
ער שלעפּט זיי שווער און ביטער אויף די ערד,
מיט שטאָלץ פליט דער שקר ווי אַ פייל פון בויגן
און דער אמת, נעבעך, שוואַך אָרעם, אויסגעצערט...

* * *

## ייִד

ייִד איז געבאָרן, ס'איז אַ פרייד
כלעבן, אַ טייערע סחורה,
אויף צרות, יסורים און לייד,
אויף מצות און תורה.

אַ שמחה אַ ברית'ל,
בר מצוה דרשה,
און נעמט זיך אַביסל
צום לעבן, ניש־קשה...

ווי אַזוי לעבט דאָס געזינדל,
איר פרעגט נישט קיין קשיא,
אַ קעפּל צום שווינדל,
אַ פלייצע אויף משא...

וויאַזוי לעבט דען אַ יידל
וואָס פעלט אים, וואָס האָט ער ?...
אמונה, בטחון, איז זיין פידל,
און גאָט איז אַ פאָטער...

אַ ייד איז געשטאָרבן
אַ יאָמער אַ בכיה
ס'איז אַ גאַנצער חורבן —
ר' קרוב פאָרט אַ ווייטע נסיעה...
אַ וועלטל פון אמת, ברכה,
לויתן, גן עדן,
איך האָב דארט משפחה,
אַ טאַטן אַ זיידן,

אַ היבשע נסיעה,
ניש־קשה צו פאָרן,
שמשים שלעפן די בריאה,
אין אַ הילצערנעם ארון,

יתומים, קדשים מאַכן אַ געשריי
עס קלאָגען, וויינען דלתים, —
דער קבר גוט אַ טרייסט פאַר זיי
טאקע מיט תחיות המתים...

געבויערן, געשטארבן די צייט אַוועק פליט,
שוין פאַרגעסן, אויס זכרון, —
איך קען דיך מיין ליבער ייד:
פון וויג ביז צום ארון...

דיין שטארבן, דיין לעבן,
דיין חצות דיינע ותיקון,
דיין יאיש, דיין האָפנונג, דיין שטרעבן,
דיין לייד און דיינע גליקן...

* * *

## צאַן קדשים מע!...

ווער זענען מיר יידן פרעגט איר אַ פראגע?
איר לערנט איר פארשט אונזער לעבן אונזער לאגע,
צו מיר זענען א פאלק, ווי די פעלקער אָן צאל,
צי נאָר אַ רעדל פון גלויבן נאָר אַ איינפאך קהל,
איך וועל אייך דעם סוד אין אויער באלד זאגן,
נאָר איר זאָלט עס פון חדר נישט אַרויסטראָגן
ווייל דער רבי קען דערפאַר געבען אַ שטראָף
מיר זענען קיין פאָלק — נאָר אַ טשערעדע שאָף...

אַ טשערעדע שאָף זענען מיר אויף דער וועלט,
די ערד איז פֿאַר אונז ווי אַ מזבח געשטעלט.
מיר ליגן געפענטעט אין צרות אין פּיין,
ווייל מיר זענען באַשאַפֿן דער קרבן צו זיין.
פֿון געבויערן ביז צום קבר —
ביים גאנצן לעבן איז נישט פּריי קיין אבר
מיט דינים געזעצע געבונדן, זער פֿעסט
דער קערפער געמוטשעט, דער גייסט געפּרעסט,
אַ טשערעדע שאָף זענען מיר יידן...
די פֿאַסטעכער לעבן אלע צעפֿרידן...
נאָר מיר לעבן אין ענגשאַפֿט און נויט.
ווייל זיי שערן ד' וואָל און שינדען די הויט...

* * *

## צום גליק

זאָג מיר נאָר דו בלינד גליק
פֿאַרוואָס וואַכסטו דעם אָרעמאן ?
האלט דיך ווירקלעך אויפֿן שטריק
דער רייכער שטארקער, טיראן ?
אויב אזוי זאָג דו מיר
ווי שטארק איז דער שטריק...
איך האָב יאָ געהערט דערציילן פֿון דיר :
דאָס אייזן צעברעכסטו אין איין אויגנבליק.
אָדער אפשר ביזטו אזוי שלעכט
אז דו ליבסט נאָר דעם רייכן !
און פֿונם אָרעמען שוואכן קנעכט
האָסטו גערן צו וואכן ?...
אויב אזוי גיי אוועק פֿון מיר
איך וויל פֿון דיר נישט געניסן
איך וויל פֿון דיר נישט וויסן...

* * *

## יענקעלעס פידעלע

אָרעם יידעלע
ווו איז דיין פּידעלע
ווו איז דיין לידעלע
וואָס דו פֿלעגסט צו זינגען...

הערצער אויס שטאָל
ווען דאָך אמאָל
דעם אָרימען ישראל
וועט איר דאָך עפּעס גוטס ברענגען!

טרייבן יאָגן,
מערדן, שלאָגן,
בלוט אויסנאָגן.
ווען וועט דאָס אויפהערן?...
וועט קיינמאָל נישט שפּירן
געוויסן אייערע געהירן
און אייך נישט באַרירן
די ביטערע יידישע טרערן?...

פּנים בלאס פון נויט
ווי שעה'ן פאַרן טויט
און די אויגעלעך רויט
ביז צו דער ערד געהויקערט געבויגן...
שטייט יענקעלע פאַרטראַכט,
פאַרצרה'ט פאַרשמאַכט,
צווישן פעלקער פעראַכט.
ווי זאַלץ אין די אויגן...

דאָך שרעק זיך נישט יידעלע,
גיך נעם דיין פידעלע,
שפּיל אויף דיין לידעלע,
וויש אָפּ דיינע טרערן געשווינד.
יענקעלע — געליבט קינד
נישט אייביק וועלן דיך בייסן הונט
דען אזוי האָט גאָט געשוואָרן...
„יענקעלע וועסט נאָך גלאַנצן
ביי דיינע זיסע פלאַנצן
וועסטו נאָך לוסטיק ארום טאַנצן"
שפּילן וועט נאָך אַמאָל דיין פידעלע...

* * *

# דער גילגול

ביי דער בית־המדרש טיר,
ליגט אַ הונט, באוואקסן ווילד,
קיינער האָט אים געזען פריער,
אַלע הערן, ווי ער בילט.
אַלע הערן אויף זיין בילן,
וועלכעס גייט טיף אין הארץ,
און עס הערט זיך פון זיין בילן ארויס,
מענש טרערן, מענש־שמארץ...

טיף אין מחשבות פארזינקען
דער עולם קלערט וואָס דער הונט וויל
זיי האָבן איינער צום צווייטן געווינקען
און געשמייכלט אין דער שטיל.

ס'איז איין אָרעמע נשמה בטוח,
וועלכע ליידט פאר אירע זינד,
זי זוכט אַ קדיש־פאר זיך,
ווייל זי האָט קיין אייגן קינד...

קיינעם געהאָלפען אין נויט
חאָטשע ער איז געוועזן רייך געזונט,
איבערדעם נאָך זיין טויט —
איז ער מגולגל געוואָרען אין אַ הונט...

# אַ אַלטע פראַגע.

ביי אַ הויכן ברייטן פענסטער,
פון אַ גרויסע רייכע באנק,
שטייט אַ קבצן חושך־פינסטער,
איינגעבויגן שוואַך און קראַנק.

און מיט זיינע שוואַכע אויגן,
זיך נישט רירנדיק פון אָרט,
קוקט ער לאנג, געבויגן,
אויף דעם געלד, וואָס ליגט דאָרט.

ער באטראַכט מיט שמערץ מיטליידן,
די ווערטספאַרפירן אלערליי —
און די ליפּן דאכט זיך ריידן,
אוי! ווי נויטיק דאַרף איך זיי.

זיין הארץ איז פול מיט שמערץ,
זיינע געדאַנקען מיט קימער פול
שווער גיט ער אַ זיפצט פון הערץ
און רעדט מיט זיך גאנץ שטיל.

גאָט! דו ווייסט מיין הארץ דאָך,
עס מעג מיר זיין ביטער שלעכט,
זינדיג בין איך נישט, און זאָג נאָך
אז דו גאָט ביזט אייביק גערעכט.

איצט אָבער מוז מיין האַרץ צערשפאָלטן,
שטראָף מיך נישט פאר מיינע רייד,
איך קען מיך מער נישט איינהאלטן,
איך זאָג ארויס מיין גרויסע לייד.

איינעם צו שענקען אַזאַ גרויס גליק,
צו הייסן אַ באנקיר —
איינער זאָל האָבן מער ווי גענוג
און אנדערע זאָלן לעבן ביטער שווער...

גאָט! מיין עלנד וואַקסט אַלץ גרעסער,
איך בין קראנק, עלנד און שוואך
און מיין ווייב, קינדער, האָבן שוין לאנג קיין געלעכטער
גאָט! איך פאַרלאַנג נישט אַסאַך!...
פארענטפער די פראגע
נאָך באפּאָר איך גיי אוועק:
פאר איינעם גיסטו נאָר פלאָג,
און דעם צווייטן נוצן אָן אן עק.

---

נאַריש מענשל! די דאָזיקע פראַגע איז אַלט
זי האָט שוין גרויע האָר...
אַ תירץ ווילסטו הערן גיך און באלד
ווארט נאָך אפּאָר טויזנט יאָר...

# שיין פון הונטן.

## (נאָך היינע)

ער האט שפּאצירט יענקעלע, דער פֿרומער
ווי אַ געוויענלעך, פאַרקלערט פאַרטראַכט,
אונטערן רוקן פון אַ פרויענצימער
זי איז געווען באַקליידעט, פול גלאַנץ, און פראַכט.

יענקעלע איז געבליבן שטיין דערשראָקן,
איבערראַשט פון ענטציקן —
און האָט באַטראַכט אירע שוואַרצע לאָקן,
איר שיינעם ווקס, איר שיינעם ריקן,

ער האָט ביי זיך געדענקט ;
ווי אויפגערגעט ! האָט די פרוי מיין לייב —
האַלב פון מיינע ש״י עולמות וועט איך געשענקט,
פאַר אַזאַ רייצנד הערלעך שיין ווייב,

דאָס מוז זיין רחב אָדער שונמת,
איך קען אַנדערשט נישט קלערן,
איר שיין פנים בלענד ווי די זון אין תמוז,
אירע אויגן ווי דער מאָרגנשטערן...

ווי פערל ווייס זענען אירע ציין,
ווי רייצנד מוז זיין איר ברוסט,
אַי ! איר פנים וועט איך גערן געזען,
איך מיז ! דען מיין האַרץ גלוסט.

פּליצלונג !... האָט זיך די פרוי אויסגעדרייט
און יענקעלע האָט זיך שטאַרק צעלאַכט...
ס'איז געווען, אַ פאַרזעעניש אין אַ שיין קלייד
איין אַלט ווייב אין אַ יינגן טראַכט...

* * *

# די ערוואַרטונג

פונם הימל שיינט,
אַ שטערנדל היינט,
הערליך גאַר אַ פראַכט...

שאָטן לויפֿן אַוועק,
פֿארגאָלדעט איז איעדער עק,
פֿון זיין לעכט וואָס לייכט.
און דעם האָבן באַלד,
מיין געליבטעס געשטאַלט,
מיינע אויגן דערקענט.
לייכט נאָר, שטערנדל ארום,
קום טייערע געליבטע, קום
דיר, שטרעק איך מיינע הענד...

אַ קאלירט פֿייגעלע פֿליט,
לויפֿט שוועבט, און ציט,
זינגט גאָר ווינדערלעך...
פֿון זיין שיין געזאנג,
פֿרייען זיך ברייט און לאַנג,
דער יצורה׳ס אלע קינדערלעך.
אין דעם פֿויגאַלעס זינגען,
הער איך אַ נאָמען קלינגען,
מיין כלה׳ס נאמען דערקענט,
זינג פֿייגעלע לידער דיינע
קום עדלע געליבטע מיינע,
דיר שטרעק איך מיינע הענד...

אַ ווינטל בלאָזט, זיך רירט,
גייט זיך שטיל שפאצירט,
אויפֿן פֿעלד ווי אין וואלד;
דערציילט זיי באַשטימט,
דער פֿריינד פֿרילינג קומט,
זיי צו דערלעזן באַלד...
און פֿאַר זיינע פֿייגעלעך האט ער,
געברענגט אַ גרוס אַהער,
פֿון מיין איינציקע כלה, מיר,
ווייע, טייערער ווינט
קום קום פֿריינדין געשווינד —
איך שטרעק מיינע הענד צו דיר...

אין אַ גאָרטנדל אַ פֿיינס,
בליט אַ בלומל אַ שיינס,
אָנגעטון, אַ קעניגלעך קלייד ;
די בלעטלעך אַרום דעם,
ווי אַ קרוינדל אַ דיאַדעם.
שמעקט אַיעדען, ווער פֿאַר ביי, גייט,
מיין האַרץ טוט זיך רעגן,
דיר געליבטע אַקעגן,
דיך צו קישן אָן אַ שיעור, —
שיין פנים, קום שוין גיך
מיט דיין ליבע דערקוויק מיך —
איך שטרעק מיינע הענד צו דיר...

* * *

## דאָס וויגליד

שטיל איז דאָרט אין אַ שטיב, אין טונקל,
אין אַ יינגע מוטער זיצט זיך דאָרט אין ווינקל,
שלעפֿט זיך איין, איר קינד, איר יידעלע:
„שלאָפֿזשע, שלאָף נאָר מיינע פֿויגעלעך
מאכזשע צו דיינע זיסע אויגעלעך...״
און זינגט נאָך אַ באַקאַנט לידאַלע,
„אונטער דעם קינדס וויגעלע
שטייט דאָך אַ גאלדן ציגעלע...
דאָס ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען,
ראָזשינקעלעך און מאנדלען,
דאָס איז די בעסטע סחורה,
ס׳קינד וועט לערנען תורה —
תורה וועט ס׳קינד לערנען,
און קיינעם נישט דערצערנען,
אין חדר וועט עס לויפֿן,
גוטע סחורה זיך איינקויפֿן,
ספרים וועט ער שרייבן
אַ גוט יידעלע וועט עס בלייבן״...

דער מאַמעס לידל, דאָס לידל,
איז אַ ביישפּיל טאַקע פאַר אַיעדן יידל,
פאַרן דערוואַקסענעם גאָר; —
דאָס קינד בליט אויף, ווי אַ רויז,
ער וואַקסט אונטער, ווערט באַלד גרויס,
און דער מאַמעס לידל ווערט וואָר...
„דאָס גאָלדענע ציגעלע" — וואָס זי זינגט,
איז אַ ווילד יינגעלע וועלכעס שפּרינגט,
ווי אַ ציג, עלטערען אין די אויגן אַריין...
ער וויל נאָך זיי מער נישט פרעגן,
הופּקעט אויף אַנדערע מענשן אַנטקעגן,
מעקעט ווי אַ קאָזע, אַז ער שפּאַרט זיך איין,
טאַנצט ווי אַ ציג איבעראָל איגמיטן,
און וויל נאָר אומעטום זיין אַ מחותן...
נישט אויסצושטיין פונם יינג דעם ווילדן!
אַ זכיה מוזן עלטערן האָבן גאָר באַזונדער,
אויב ס'כאַפּט זיך אַרויס, אַיינס צווישן קינדער,
גוט און פרום, אַציגעלע וואָס איז גאָלדן...

„דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזשינקעלעך און מאַנדלען"...
זינגט זיך די מאַמע ביי דער וויג,
מען וואַקסט אויף, מען נעמט צו יאָרן,
מען הויבט נאָר אָן האַנדלען און פאָרן...
קריגט מען שוין צרות איבער גענוג.
אַחוץ דעם פּלאָגן ביי דעם וואַנדל,
איז נאָך פאַראַן חסרונות אַגאַנץ באַנדל
וואָס איינער דעם אַנדערן נאָכלויפט....
מען דערטאַפּט משא ומתנדלעך די טייערע,
אוי! ביטערע מאַנדלען, ראָזשינקעס דאַרע,
מען האָט זיך זייער וויל איינגעקויפט —
אין אמת'ן וואָלט יעדער סוחר געוואָלט,
גליק האָבן, אין האַנדל־וואַנדל, צוזאַמלען גאָלד..
נישט תמיד גליקט עס אָבער טאַקע,
עס כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס איינעם גליקט,
דעם האָט גאָט, אַ מסחר צוגעשיקט

ראָזשינקעס, מאַנדלען, זיסע און געשמאַקע...
„תורה וועט דאָס קינד לערנען
און קיינעם נישט דערצערנען״...
זינגט אים די מאַמע פֿאַר אַ שבת,
מיר זעען אָבער באַלד געשווינד
וואָס דערנאָך לערנט אויס דאָס קינד.
יאָ — עס פֿאַרדריסט מענשן זייער אַסאַך,
איינער לערנט גאָרנישט, בלייבט גראָב,
דער אַנדערער לייגט צו צו תורה דעם קאָפּ,
פֿאַרקריכט אָבער טיף אין אירע דרכים,
נאָך איינער לערנט ווידער פֿאַרקערט,
נאר שפּראַכן חקירות, ווערט אויפֿגעקלערט,
זאָגט: מען קען אָן תורה זיין אַ חכם...
ביי איינעם ווידער כאַפּט זיך אַרויס,
אַ קינד וואָס לערנט אַלעס אויס,
און איז דערצו אַ ייד אַ פֿרומער, אַ גוטער
לערנט תורה מיט חכמה בייזאַמען
מאַכט צווישן זיי, קיין שום אויסנאַמען...
אָט די תורה האָט געמיינט די מוטער...

* *
*

„אין חדר אַריין וועט עס לויפֿן
גוטע סחורה דאָרט זיך איינקויפֿן״...
האָט די מאַמע אין לידל אַריין געמישט,
מיר ווייסן דאָס קינד קויפֿט זיך דאָרט איין,
עס זאָל אַ גאַנץ גוטער ליאַמפּערט זיין,
נאָר חדר סטאָטשקעס, לערנען אָבער נישט,
איבערדעם יידן רייך ווי אָרעם,
נעמען קינדער אַוועק פֿון חדרים,
און גיבען זיי אריין אין שקאָלעס...
דאָרט מוזן קינדער גראָבע ייִנגען בלייבן
אַבי זיי קענען אַביסל, לעזן, שרייבן,
און גייען אין לאַנגע הויזן און קאָרצע פּאָלעס,
מען טרעפֿט נאָך נישט ביי יידן אַזאַ אָרט,
מען זאָל די קינדער אויסבלידן דאָרט,
און די תורה נישט פֿאַרבייגען, —

איז דען די חכמה דער תורה׳ס פֿיינד,
וואָס פֿאַראַ צרה איז דאָס היינט,
וואָס מ׳טוט דאָס יידישקייט אַוועקלעגן ?...

„ספרים וועט עס שרייבן
אַ גוט יידעלע וועט עס בלייבן״...
האָט די מאַמע געזינגען צום לעצט...
ווער אָבער, קוקט היינט, יידישע ספרים אָן ?
און אַן אמת׳ער ייד, וואָס האָט אַצינד צו טון ?
ווערן זיי דען ביי עמיצן געשעצט,
„פֿיינע יידן״ וואָס האָבן צייט פֿאַרבראַכט
און שיינע ספרים געמאַכט,
הייסן שוין היינט בטלנים און ליידיקגייער...
אַנדערע ספרים אין וועלטן מפורסם,
הייסן זייערע סופרים אפיקורסים,
וואָסזשע נוצט זיי דאָס פלאָגן ?...
אַז מען וויל אַ גוט יידל זיין היינט, איינער,
אָך ! עס גלייבט אים גאָרנישט קיינער —
מען זאָגט : ער איז אַ צבוע זיך פֿאַרשטעלט ;
יאָ יאָ ! ס׳איז אמת און זייער קלוג,
דער מאַמעס לידל ביי דער וויג
ס׳איז אַ גוטער ביישפּיל אַצינד, פֿאַר דער גאַנצער וועלט...

* * *

## דאָס רעדעלע דרייט זיך

ווי אַ ווינט שנעל, געשווינד,
דרייט זיך אָנ׳אויפֿהערליך פֿאָרט
יינגט, מזל, און געזונד
דאָס שטייט קיינמאָל, אויף אַן אָרט,
דאָס רעדעלע דרייט זיך כסדר,
ערשט געוועזן אַ יינגל פֿון חדר...
נישט געוווסט וואָס הייסט צרות, לייד !
פּלוצלינג הויבט אָן צו שפּראָצען גרויע האָר —
פֿון יוגנט איז מער קיין שפּור —
אָי ! דאָס „ייגנט רעדעלע״ האָט זיך שנעל פֿאַרדרייט.

פֿאַר אַ מינוט געווען געזונד און פֿעט,
שטאַרק, לוסטיק, בליִענדיק ווי אַ רויז,
פּלוצלינג, הערט מען קרעכצן אין בעט,
אויס העלד, קיין כח אין הענד און פֿיס,
די באַקן נישט מער רויט,
בלאַס ווי פֿאַרן טויט,
דער קערפּער שוין נישט שלאַנק, מיט פֿרייד,
אויסגעטריקנט די לעבנס זעפֿט,
אויס געזינד אויס קרעפֿט!
דאָס „רעדעלע פֿון געזונד" האָט זיך שנעל פֿאַרדרייט.

דאָס „מזל" דאָס גליק,
איר רעדעלע הייסט „געלט"
דאָס שטייט קיין אויגנבליק,
אָי! דאָס דרייט שטאַרק מיט די וועלט —
פּלוצלונג, האָט זיך די הצלחה צעטאַנצט,
דאָס מזל שפּילט, דער נאָמען גלאַנצט,
דאָס רעדעלע דרייט אַרויף, ס' איז פֿרייד,
און פּלוצלינג ווערט דאָס וואָרט פֿאַרקילט,
דער קבצן טאַנצט, דער דלות שפּילט —
דאָס רעדעלע פֿון „מזל" האָט זיך שנעל פֿאַרדרייט.

* * *

# רבי מתיא

הייליג און ריין פֿון דער וועלט בעזונדער,
לעבט ר' מתיא דער צדיק דער פֿרומער,
אָבגעזינדערט פֿון מענשן: קינדער,
ער זיצט תמיד אין זיין שטילן צומער...

זיין נשמה האַלט ער ריין אָן פֿלעק,
ווי אַ מלאך ווי אַ שרף אויבן,
די וועלט גיט ער און גאַנצען אַוועק
פֿאַר זיין תורה פֿאַר זיין גלויבן,

אַ ריינע נשמה, אָן שאָטן,
אַן ערליך אומגאַפֿלעקט האַרץ,

דאָס ברענגט כעס דעם שטן,
מאַכט אים דעם גרעסטן שמאַרץ,

ער הויבט אָן אַלע מיטל צו שפּעקולירן
אויס ריין צו מאַכן טמא —
צו פאַרדאַרבן צו פאַרפירן,
זוכט ער — ר׳ מתיא׳ס נשמה...

דער שטן קומט אין גרויסן היכל,
צו גאָט אַליין מיט אַ בקשה,
און זאָגט לוסטיג מיט אַ שמייכל,
„איך וויל אויס ר׳ מתיא׳ן מאַכען אַ רשע״...

פון גאָט באַקומט דער שטן רשות,
ר׳ מתיא׳ן צו באַזיגן —
דער שטן רעכנט; געוויס,
זיכער אים צו קריגן...

איבעראַשט איז ר׳ מתיא דער פרומער,
ער איז שטאַרק דערשראָקן,
דען פאַר אים שטייט אַ שיין פרויענצימער
מיט רויזנליפן, מיט לאַנגע לאָקן...

די אויגן מיט פייער שיסן,
ס׳מוז אַ יעדעס האַרץ פלעזירן,
מיט אַ שמייכל אַ זיסן,
זוכט זי דעם תנא צו פאַרפירן...

ווי ער גייט, אויף אַלע וועגן,
ווינקען צון אים אירע זיסע בליקן,
איבעראַל קומט זי אים אַנטקעגן,
כדי, אים די זינדנעץ צו שטריקן...

איין עצה איז אים דורכגעפלויגן,
פון אירע בליקן, נישט צווערן פאַרדאַרבן,
האָט ער געפּאָפּערט זיינע אויגן,
פאַר גאָט געגעבן אַ קרבן...
* * *

# די פריינדשאַפט.

אַ יאָר איז שוין ווידער,
געלאָפען פאַריבער,
אונזער פריינטשאַפט ברודער,
זי בלייבט איבער.

זי וועט אויך בלייבן,
אייביק — אַלעמאָל,
זי צופאַרטרייבן,
קענען צייטן קיינמאל.

קלאָרס ווערט פאַרמישט,
אַלט ווערט אַלדינג,
פריינטשאַפט עלטערט נישט,
זי בלייבט תמיד יונג.

שטאַרקער פון שטאַרקן,
איז פריינדשאַפט אומעטום,
קיין פלויט קיין פאַרקן,
צוימט זי נישט אַרום.

און איר בוכלס בלעטלעך,
לאָזט נאָר און קוקט,
„איך בין געטליך",
שטייט דאָרט געדרוקט.

* * *

# די לויה

דער הימל איז איבערגעצויגן,
דער ווינט פייפט, די וואָלקן גיסן טרערן,
קיין זונשטראַל זעען די אויגן,
נאָר דעם וואָלקן קרעכצן, קען מען הערן,
דאָך די חברה קדושה מיט איר כיתה,
אַלע גייען זיך כסדר אין דער רייע,
מיט שוואַרץ איבערגעצויגן טראָגט מען אַ מיטה
— אַ לויה...

די צדקה־תציל־ממות־פישקעס קלינגען,
יעדעס האַרץ ווערט גערירט,
קלאָגלידער הערט מען איעדן זינגען,
איבערן אומגליק וואָס האָט פּאַסירט,
אויך פּרויען עדלע אַהונטער דער מיטה
מיט טרויער־חן באַשיטע,
שפּאַנען, און שרייען געוואַלד.

אָ! ווער וועט שוין די וועלט פיהרן,?
עס איז אַ ביטערער חרבן,
„יושר"! וועלכער פּלעגט אין דער וועלט רעגירן
איז נעבעך שוין אויך געשטאָרבן...
* * *

## איך בין געבליבן עלנד אליין...

ווו איז די זון מיט איר ליכט ?
לבנה שטערן, ווו איז אייער מאַכט,
מיט אַ טרויער שלייער באַדעקט אייער געזיכט,
ס'איז תמיד פינסטער, אייביק נאַכט...
די וועלט אין טרויער געהילט
דער נאַכטיגאַל זינגט טרויריק און שפּילט,
דער ווינט ברומט איר צו שטיל מיט געוויין,
די טריבע וואָלקן פּליסן טרערן,
פון מזרח לאָזט זיך הערן
„מיין מאַן איז אַוועק געבליבן, עלנד אַליין"...

מיין מאַן וואָס האָט מיך שטענדיג געשיצט
פון געפאַר, פחד, און אומרעכט,
ווען טריבע וואָלקן האָבן געבליצט,
זענען געווען, זיינע פליגל מיין שוץ־דעק,
זיינע קינדער מיט שטאלץ און פּראַכט,
איבער מיר תמיד, געזאָרגט, געוואַכט,
מיך געפּיצט, געצירט הערליך פיין,
מיינע קינדער אין דער וועלט פאַרשפּרייט,
אָ! ווי אומרחמנותדיק איז מיר געוואָרן די צייט:
מיין מאַן אַוועק, געבליבן, עלענד אליין...

מיינע קינדער האָבן קיין רו, טאָג ווי נאַכט.
זיי האָבן קיין היים ווו צו בלייבן
אַלע טויערן זענען פאַר זיי פאַרמאַכט,
מען קען נאָר הערן; יאָגן, טרייבן,
אומצוברענגען מיינס אַ קינד,
איז ביי יעדן גור קיין זינד.
ווי מוזיק הערט מען גערן זייער געוויין,
איבעראָל, פאַרהאַסט, פעראַכט,
גייען ארום טרויריק פאַרשמאַכט,
מיין מאַן אַוועק, בין געבליבן אַליין...

* * *

# חנוכה

אין אַלטע פאַרשטויבטע צעקאָרטשעטע בגדים,
פערלאַטעט מיט נסים, נאַס פון שווייס·
גאַנץ שטאַרק גענייט מיט כשר'ן פאָדעם,
שטייט איצט פאַר אייך ר׳ יידל דער גרייז...

זיין פנים ווייזט דייטלעך, אַסאַך האָט ער געליטן
געקוועלט מיט יסורים און לייד,
אַלס העלד האָט ער געקעמפט אין אַלע זיינע יאָרן
איז דאָך געבליבן ביי זיין אַלטן קלייד...

אָ! וואָס האָט ר׳ יידל שוין נישט אָבגעגעבן?
זיין היים, זיין פאַרמעגן אַלעס מיטאַנאַנד,
ער האָט אויך געאָפפערט זיין זעל, זיין לעבן,
דאָס קלייד אָבער גיט ער פאַר קיינעם פון זיין האַנד...

פיל הינט האָבן אים ביי די פאָלעס געריסן,
און אויף אים מיט די ציין געקריצט,
פיל חיות, שלאַנגען האָבן אים געביסן,
דאָס קלייד אָבער האָט אים, פון אַלעם געשיצט...

און איצט שטייט ווידער, ר׳ יידל דער אַלטער,
אַ פריילעך שמייכעלע שפּילט אויף זיין געזיכט,
און זינגט, „על הנסים״... אין האַנד האַלט ער...
יאָ עס איז...— איך זע שוין — די חנוכה ליכט...

ער האָט אָפּטמאָל געזען אומגליק,
אַ שטיין אַ גריב ביי יעדן טריט.
עס האָט אים דאָך נישט געשראָקן צוריק,
ער האָט געוווסט, אַ מלאך גייט מיט אים, מיט.

דער מלאך הייסט גערולט און האָפן,
ער האָט אויף אים זיינע הענד פאַרשפּרייט,
דער מלאך איז אייביק פאָרויס געלאָפן,
אויך איצט וואַהין, ער וואַנדערט און גייט.

מען האָט שוין פילמאָל געמיינט, מען האָט אים פאַרשלינגען!
ער איז שוין מער אויף די וועלט נישטאָ,
נאָר באַלד דערויף האָט מען אים דער הערט זינגען,
להדליק נר של חנוכה...

* * *

## צו די דיכטער

די קוואַלן רוישן, דו פייגל זינגען,
די בלומען דופטן, די זון ווינקט מילד,
אין גרינעם גראָז די שעפּסלעך שפּרינגען,
אָך! ווי פּראַכטפול, איז די זומער בילד.

די פּאָעטן, זיי ווערן באַלעבט,
אין פעלד דאָרט, קניען זיי אַנידער,
אַ געטלעכקייט, אויף זייער פנים שוועבט,
זיי זינגען טיפע, טיפע לידער

די וועלט פאַרגעסן זיי אינגאַנצן,
זיי וואַנדערן דאָרט אין בלומען־רייך,
וו ס׳בליען דאָרטן גאָלדענע פּאָמעראַנצן,
וו ס׳פליסט פון באַלזאַם, ים און טייך.

זיי זינגען און שלעפערן אונז איין,
זיי זינגען, מיר חלומען גאַנץ געשמאַק,
אונז דאַכט זיך די וועלט איז גאַנץ פיין,
מיר ליגן אויפן פאַנאַטישן שטרויזאַק.

זיי זינגען — מיר שלאָפן,
מיר שלאָפן — זיי שפילען,
זיי שפילען — מיר האָפן,
מיר טרוימען אין שטילן...

און־שלאָפנדיק, ווערן פאַרגעסן,
אונזער גרויסע שווערע פלאָג,
אונזערע לעבנס קאַמפן און וואָגלענישן,
אונזער פינסטערע לאַגע, פון צולאָפענע שאָף...

„דיכטער! גענוג אייער פאַנטאַזירן,
הערט אויף אין די לופטן אַרום צו שוועבן,
פרוווט אייך בעסער, אינטערעסירן
פון ליידן, הונגער, אין יידישן לעבן"...

לאָזט צורו, די רויזן, ליליע און איבעריקע בלומען,
די זינקענדיקע פויגל, די נאַכטיגאַלן,
זאָלן די בלומען דופטן, די פייגל שפילן, ברומען,
בעזינגט אונזער יידישע נויט, און אירע פינסטערע קוואַלן...

דיכטער! ווען די בלום פאַרלירט איר דופט
איז אויך איבעריג אייער זאָרג און שרעקן!
ס'וועט זי ווידער דערפרישן די קלאָרע מאַי־לופט,
זי וועט ווידער גלאַנצן און שמעקן...

אָבער מיר וואָס מיר שלעפן שוין יאָרנטויזנט
דעם וואָגן פון גלות און טרערן...
דיכטער! ווער היילט אונז ווער העלפט אונז,
ווו איז דער פרילינג, דער מאַי פון אונזערע אַלטע באַגערן?...

* * *

# שלאָף מיין קינד...

שלאָף מיין טייער קינד, דעם זיסן דרימל,
שלאָף מיין תכשיט, שלאָף געזונט,
מלאכים פֿונם גרויסן הימל,
היטן און וואַכן דיין קליינע וויג.

שלאָף מיין קינד זאָלסט כח בעקומען,
טרינק געשמאַק די מילעך פֿון דיין אַם,
זאַמל כח, זאָלסט קענען איבערשווימען,
אוי! דעם גרויסען אומענדלעכן ים.

די וועסט שווימען אָנאַ שרעק,
אַז די וועסט האָבן געלד, וועסטו באַגליקן,
דען געלד האָט די קראַפֿט וואָס משהעס שטעקן,
עס קען אויך מאַכן דעם ים גאַנץ טריקן.

די טריבע וואָלקן, וועלכע וועלן דיר שטערן,
און דיך נישט לאָזן רויק שווימען,
אַ קלינג פֿון געלד אַז זיי וועלן נאָר דערהערן,
אַלעס וועט דיך באַלד ליב באַקומען...

* * *

## מוסר פאַר די וועלט איינשלינגער

זאָג מיר איך בעט דיך, דו קאַפּיטאַליסט
פֿאַרוואָס זענען דיינע געוויסן פֿאַרדאָרבן?
זאָג מיר איך בעט דיך, ווילדער עגאָאיסט
ווילאַנג וועט זיין דער אָרעמער דיין קרבן?
וואָס נוצט דיר דאָס פֿיל פלאָגן
טאָג און נאַכט שטענדיג אַרומיאָגן
אוי! די מענשנכאַפּער, ווילדער יעגער
וואָס טויג דיין טאַנצן שפּרינגען,
געעפֿנט מיט׳ן מויל, די וועלט איינצושלינגען,
קוק! דער טויט שיקט צו דיר, די קאַלטע מיטה טרעגער.

אַלעס וואָס די האָסט ערוואָרבן,
וועסטו ענדלעך געצווינגען איבערגעבן, גאַנץ געבראָכן,
אַליין פֿאַרבלייבסטו דעם קברס קרבן,
דיין קראַפֿט, דיין בלוט, וועט נישט אייביק דויערן,
ווייל אייביק איז נאָר די באַוועגונג, דאָס פֿאַרענדערן,
הילפֿלאָז, גאַנץ באַטראָגן,
וועט זיין די ענדע פֿון דיין אַרום יאָגן.
ווו איז דיין גוטס ? אַ אָרעמער שפּרינגער,
דיינע ליפּן מיט אַ קאַלטן שוים באַדעקט,
דיינע פֿיס אויסגעצויגן אויסגעשטרעקט,
קוק דיך נאָר גוט אָן, דו וועלט איינשלינגער

דער טויט, מוז געהאָרכן דעם באַפֿעל פֿון דער צייט,
זי שוינט קיין קאַפּיטאַליסט, קיין ראַנג, קיין טיטל,
אָ ! דו שמוציקער עגאָאיסט ווער געשיידט,
כאַפּ נישט דעם אָרעמאַנס לעצטע לעבנס מיטל,
לאָז דיין מוט, דיין שטאָלץ נישט ברענען הייס,
באָד דיך נישט און אָרעמאַנס שווייס,
ס'איז קיין אונטערשיד אַביסל מער אָדער קנאַפּער,
מיר זענען אַלע יאָ גלייכע מענשנקינדער,
וואָס טויג דיר צו זיין אַ מענשן שינדער,
און צו שטאַרבן אַלס פֿרעכער מענשנכאַפּער...

* * *

# אַ שלאָס אויפֿן מויל

מיין מויל וועט געהאַט צו רעדן זער פֿיל,
די וועלט צו פֿרעגן מערערע פֿראַגן,
דאָך ! עס מוז נעביך בלייבן שטיל,
ווייל מען מוז הערן, זען, און שווייגן,
מיין מלמד האָט מיך שוין גענוג געשלאָגן,
אָהאָ ! מער וועל איך שוין נישט אויסזאָגן,
מיין האַרץ צעשפּרינגט פֿאַר פֿערדרוס,
דען — אַז איך קוק אָן די מענשן ליידער,
זיי הייסן דער מלמד, די וועלט דאָס חדר,
איבערדעם מוז איך הענגען אויף מיין מויל אַ שלאָס...

* * *

# די מאַמע ציון

די טעג לויפן פליען
ווי וואָלקן אין שטורם־ווינט.
די אַלטע אַלמנה ציון,
שרייט געוואַלד: ווו ביסטו מיין קינד.
מיין טייער קינד ישראל...
זענען דיינע ביינער אויס שטאָל?
פאַרוואָס שלאָגט מען זיי שוין אַזוי לאַנג,
אָ! עס האָט קיין רחמנות קיינער,
איבער דיינע קראַנקע ביינער,
מיין עלנדער קראַנקער יתום איז געפערלעך קראַנק.

זאָג איך בעט דיך גרויסע וועלט,
ענטפער מיר נאָר איין וואָרט,
וואָס האָט מיין קינד אָנגעשטעלט?...
פאַרוואָס גיסטו אים קיין רואָרט?
ווילאַנג נאָך וועלט, ועסטו זיין פאַרווילדעט.
צון אַ קליין פאָלק, וואָס איז קלוג, געבילדעט.
ווילסטו קיין רואָרט, פאַר זיי שענקען,
פאַרוואָס געפעלט דיר בעסער,
די ווילדער מענשן פרעסער,
אַז מיין קונד, נאָר די טרייבסט אין ווײ —
גיי שוין גיי!...

אומעטום ווערט ער געיאָגט
„גיי"! דו ביזט אָרעם, — גיי דו ביזט רייך,
אַזוי פאַרשידן רעדט יעדער, און זאָגט
גיי! דו ווילסט זיין מיט אונז גלייך! —
אַזוי וואַנדערט מיין קינד טאָג און נאַכט,
טרויריק עלנד פאַרשמאַכט,
ער ווערט געטריבן, מיט שפּאָט און שאַנד,
עס העלפט קיין ווײנען קניען,
אינערגיץ לאָזט מען אים אָפּרוען.
מען טרייבט אים כסדר, פון לאַנד צו לאַנד,

„ווי ביזטו, ווי ביזטו מיין קינד״!
קלאָגט יאָמערלעך די מאַמע ציון און וויינט,
ווי לאַנג נאָך וועט דיך אַרובלאָזען, דער שטורמווינט,
פֿון דיין היים, וואָס דיר האָט אַמאָל געשיינט?...
דיין אַלטע היים פֿון אַמאָל,
וואָס האָט דיר האָניג, מילך געפֿלאָסן אָנאַ צאָל,
איר לויטערער הימל, איר לעכטיקע לבנה,
רופֿט דיך צוריק אַהיים צון איר,
צוריק אין דיין אַלט קוואַרטיר,
שוין גענוג געהייסן יתום און איך אַלמנה...

# הומאָריסטישע לידער

# אַ שיכור אויף אַ אינזל*

אויף אַ אינזל וויסט און לער,
בין איך פאַרוואָרפן געוואָרן,
אוי! געטראָפן האָט מיך שווער,
גאָטס ווילדער צאָרן,
דאָ אין דער לענג אין דער ברייט,
גיי איך ארום זוך און פאָרשט,
אויוועי! נישטאָ דאָ קיין שענק
אַ ביסל בראָנפן צו לעשן דעם דאָרשט
ווי קען מען לעבן
אָן אַ טרינק צו געבען!?
ווי קען מען זיין
אָן אַ ביסעלע וויין?

אָט דאָס הייסט אַ שטראָף געוועז,
צו ליגן פאַרוואָרפן אַזוי טיף,
און נאָר אַסאַך וואַסער צו זען,
און בראָנפן אַפילע נישט אַ טריף!
אוי! עס זאָל אָבער פאַרקערט זיין,
אויס דעם וואַסער זאָל בראָנפן ווערן,
וואָלט איך געשפרינגען אין ים אַריין,
און געטרינקען אָן אויפצוהערן,
די שוים אַרום מיר,
געטרינקען ווי ביר,
איטלעכעס בלעזל,
אַזוי ווי אַ גלעזל.

אפשר בין איך געשטראָפט אויף דער וועלט,
נאָר דער עברה, די איינע זאַך
איך פלעג טרינקען דעם בראָנפען געשטעלט,
און דאָס אויך נישט תמיד אַגאַנץ סך
גאָט! זאָלסט מיך דערהערן
מיך אויסלייזן באַלד פון דאַנען: —
טו איך דיר הייליג שווערן
איך וועל טרינקען אָקאַוויט, גאַנצע קאַנען,

וו מען טיט דעם בראָנפֿן ברענען,
אונטערן צאַפּן דאָרט,
וועט זיין מיין אָרט.

מקנא בין איך דעם פֿויגל דאָרט,
וואָס טיט אין דער הויעך פֿליען,
דורך מיין שטעטל, דורך מיין אָרט,
וועט ער אוודאי, דורך ציען. —
ליבער פֿויגל! הער מיין שפּעקולאַציע
וואָס איך בעט דיך זאָלסטו געדענקען:
גרוס מיר דאָרט, די פּראָפּינאַציע
אין מיין שטעטל אַלע שענקען —
מאַך בעקאַנט,
אין מיין לאַנד,
אַלע שיכורים זאָלסטי זאָגן
זאָלן אויף מיר קלאָגן!...

גאָט! אויף דיין וועלט איז צו גאַפּן,
אַלדינג איז איינגעריכטעט זייער גוט,
באַר פֿאַרוואָס האָסטו נישט באַשאַפֿן,
אויפֿן אינזל אַ קוואַל אָקאַוויט?
אָבער דאָ אין מיין איינזאמקייט,
זאָל מיר כאָטשע אַ ווינדער דערשיינען,
אויף מיינע גרויסע צרות און לייד,
זאָל איך קענען מיט בראָנפֿן וויינען,
איך וואָלט געשטרעקט
די צינג — און געלעקט,
מיינע הייסע טרערן, —
דערפֿרישט צו ווערן.

איך מוז דאָ לעכצן, אַ לעבן אַ לאַנגן,
אַביסל משקה איז מיר נישט באַשערט,
אַט דאָ וועל איך מוזן שטאַרבן,
און אפילו נישט ליגן אין דער ערד,
ווינט, לאָז מיך דעם זכות האָבן,
זאָלסט אַהער אַ מענש פֿאַרטראָגן,

ער זאָל מיך האָטשע דאָ באַגראָבן
אַ פּלאַש אָקאַוויט אויף מיין מצבה, אויסשלאָגן,
ווער דעם קבר דער בליקט,
זאָל וויסן דאָ ליגט
אַ שכּור נאָך גאַנץ יינג,
געשטאָרבן אָן אַ טרינק.

אין דעם בוים דאָ קריץ איך איין,
מיין לעצטע בקשה גאָר אַ קליינע,
ווער ס' וועט מיך דאָ מקבר זיין,
זאָל מיר צוליב טון נאָר דאָס איינע,
אַ פּלעשל ווין, ווי איך הייס אים,
זאָל ער אין מיין קבר איינגראָבן,
כדי אַז איך וועל אויפשטיין תחית המתים,
זאָל איך מיר קענען דאָס האַרץ דערקוויקן...
שכּורים וועלן לויפן,
דעמאָלט בראָנפן קויפן,
איך וועל האָבן ביי מיר
אָנגעגרייט פון פריער...

* * *

# פורים געשענק

א.

מיר האַלטן שוין ווידער,
ליבע גוטע ברודער,
ביי פורים היינט,
עס איז מיין נאַטור,
צו שרייבן אַ שיר,
פאַר אייך מיינע פריינד!

ב.

איך זיץ אין מיין חדר,
און נעם די פעדער,
וויל עפּעס שרייבן,
די פעדער מאַכט חן,
וויל נישט ווייטער גיין,
און נאָר שטיין בלייבן...

ג.

איך שריי צו איר:
וואָס איז מיט דיר:
„וואָס עפּעס שטייסטו"?
זי ענטפערט מיר באַלד
„מאַך נישט קיין געוואַלד
הער מיך ליבער צו!"

ד.

לאָז אַצינד אָפּ שירים,
וואָרן היינט איז פורים
אַ יום טוב זיס ווי צוקער
איבערדעם באַלעבאָס לעב
האָב איך אַ טרינק געגעבן
און בין היינט שכּור...

ה.

„נישט טינט שיטערע,
שוואַרצע און ביטערע,
געטרינקען ווי אימער.
נאָר וויין קלאָר אין זיס
און פֿאַל פֿון די פֿיס
אַזוי ווי אַ קרומער".

ו.

לאָז מיך אָרימע פֿעדער,
אויך וויסן ווי יעדער,
וואָס פורים באַטייט
און שרייב נישט היינט,
צו דיינע גוטע פֿריינד
זוך דיר איין אַנדערע צייט.

ז.

ווינטש זיי אָבער אַצינד,
זאָלן זיין געזינד,
מיט ווייב און קינדער,
גליקלעך פֿריילעך לעבן,
ווי פֿון זיי טוט שטרעבן,
איעדער באַזונדער...

ח.

פֿון די פֿעדער מיינע,
הער איך די טענה,
און איר באַגער—
איך קען זי נישט טרייבן
זי וויל נישט שרייבן;
און איך שרייב נישט מער...

* * *

# אַ האָר פֿון אַ באָרד

און קליין אין אַ ספר דערינען,
ווי איך האָב די בלעטער געמישט
פֿון אַ באָרד אַהאָר האָב איך געפֿונען.
נאָר ווער זי איז? ווייס איך נישט.

אָ! ווער האָט זי אויסגעריסן,
און אַוועק געלייגט דאָ אַהער?
אויב אַ בטלן, וואָס האָט געוואָלט פשט וויסן,
און עס איז אים צוגעגאַנגען שווער?

אפשר איז זי פֿון אַ פרוש גאָר
נעבעך שוין לאַנג אין דער הייך נישט געווען,
פֿאַר ווייטאָג, האָט ער אויסגעריסן אַ האָר,
פֿאַרוואָס ער קען זי נישט זען.

אפשר אַ ישיבה בחור האָט געציפט מיט די פֿינגער,
ווייל ער האָט דעם טאָג נישט אָנגעביסן,
עס האָט אים געציפט נעבעך דער הונגער,
האָט ער האָרלעך אויסגעריסן...

* * *

# די ווינער וועלטאויסשטעלונג

איך האָב אַ גרויס נאַרישקייט געטון,
וואָס איך בין גאָר געפאָרן קיין ווין,
אָנצוקוקן די אויסשטעלונג דאָרט
איך האָב אומזיסט געמאַכט, גרויס, הוצאה,
און נישט געהאַט קיין שום הנאה.
ס'טוט מיר באַנג, אויף מיין וואָרט!
איך קלער מיר ערשט איבער די זאַכן
ווי די דייטשן קענען איינעם צו נאַר מאַכן,
און האָבן פאַרנאַרט קיין ווין, מיך גאָר,
זיי האָבן אין דער צייטונג געשטעלט,
מען וועט זען וואונדערבאַרע זאַכן פון דער וועלט,
אַצינד ווייס איך אַז קיין וואָרט איז נישט וואָר,
זיי האָבן דאָס אימיסנע געדרוקט,
און דאָס אין מיין שטעדטל אַריין געשיקט,
זאָלן מיך גראָד קיין ווין, אַרויפבעקומען,
זיך נוקם צו זיין, טו איך אַ נדר און שווער,
איך זאָל נישט ליינען קיין צייטונג מער
יאָ יאָ! דאָס האָב איך אויף מיר גענומען.

גלויבט מיר אַז די אַלע חדושים רבות,
וואָס האָבן דאָרט אויסגעשטעלט די דראַבים,
שטעקט גאָר קיין שום קונץ דערינען,
אמתע קונץ, ווען צו זען איז אייך ליב,
ביי מיר אין שטעטל טאַקע אין מיין שטוב,
דאָרט קענט איר שיינע זאַכן טאַקע געפינען,
זיי ווייזן אין ווין שניצערייען, פאָרטרעטן,
נאָ, איך קען מיך, מיט אייך טאַקע וועטן,
אַז טאָפּלט שענער און אַסך בעסער,
האָט מיין בחורל געמאַכט אַ מזרח שויתי,
אפילו צו דער מזוזה אַ מלאכה אַ זיסע,
אויסגעשניצט מיט אַ פּראָסטן מעסער...
מען וויל מיר איינרעדען איך זאָל גלויבן,
אַז ווי קעץ זעען אויס אין מזרח די לייבן,

ווי אַ ימדקאָטער האָט דאָס פּישל אַ פּנים,
דאָס אָבער, איז ערשט אַ קונסט אַ וואָרע
קעז, לייבן. פּיש און קאָטער זאָלן האָבן איין מראה,
פאַרשטייען דען דאָס די מענטשן נארונעם!

מאַשינען האָבן זיי אין ווין געוויזן,
און חידושן זיך דערויף גלייך זיי מוזן,
אויב עס וואָלט קיין שענערס נישט געוועזן,
קומט צו מיר מענשן וואָס איר זענט!
און קוקט אָן וואָס עס קענען מענשן הענד,
ביי מיר הערט, וועט איר מאַשינען זען,
דאָס מצות רעדל אויס אַ גוטן שטיק געשניטן,
עס דרייט זיך אויף אַ שטעקעלע אינמיטן,
און דאָס שטעמפּל צו מצות, דאָס שיינע,
היינט פון ל״ג דער פּיילנבויגן,
אַ שטריקל אויף אַ האַלב רייפּל געצויגן,
אָט דאָס הייסט טאַקע מאַשינען פּיינע,
און דער פּאָרעם פונם חנוכה דרעדעל
איז דען נישט אַ מאַשין וואָס איז זייער איידל?
און דאָס המן־קלאָפּערל דער פּורים גראגער,
אָדער דאָס לאמטערנדל פון די חדר־קינדער,
פון פּאַפּיר אָדער אַ ריבלשאָל גאָר אַ וווּנדער!
לאָז מאַכן אַזאַ מאַשין, אַ ווינער אָדער פּראַגער!....

עופות האָבן זיי דאָרט אויסגעשטעלט,
צוזאַמענגעבראַכט פון דער גאַנצער וועלט,
פייגל און הינער, קאַטשקעס און גענז,
קומט צו מיר אין שטעטל אַריין ליבער
זעט עופות אין ווינדערט אייך דעריבער,
קומט איר ווין־פאָרערס נאַראָנעם וואָס איר זענט!
קודם אַ פלעדערמויז, געקוילעט מיט אַ רענדל,
אָנגעבינדן אָן מיין קאַסטן מיט אַ בענדל,
דאָס איז אין שטיב מזלדיק קודם,
און שומרים צו וועקן אַ האָן אַ גרויער,
ער איז שוין עטלעכע יאָר אַ סגי נהור,
זיצט זיך אויף די לאַטענס אויף מיין בוידעם.

אַ הין מיט אַ גרויסן דזיביק. אַ שיינע זייער,
זי לייגט אַלע טאָג גאַנץ פֿרישע אייער.
זענען גוט צו לאָקשן צון אַ קוגל צו פֿאַרטון.
הײנט, אַ בושיק אויף מיין שטרויענעם דאַך
אַ סגולה פֿאַר פֿייער, זייער אַ גרויסע זאַך.
דאָס איז אַסאַך חשובער ווי די עופות און ווין...

זיי ווייזן דאָרט קלעצער העלצער און קוליעס,
ברעטער, שפענער, לייסטן, און דוליעס,
און דערצו זאָל, מען פלוצלום קיין ווין פֿאָרן?
ביי מיר אָבער אין דעם שטעטל אין דעם קליינעם
געפֿונט זיך דאָס אַלעס אינאיינעם,
מען האָט שוין דערין פֿאַרגעסן זייט יאָרן;
מיט גרויסע קלעצער גראָב און האַרט
איז דאָס מרחץ דאָרט אונטער געשפּאַרט
טאַקע אַ חידוש נפלא פֿאַר די אויגן
דער פּראַלניק אויפֿן בלעמער צו קלאַפּן
דער עולם זאָל נישט רעדן, נישט כאַפּן.
און דער שילהאַמער שיין איינגעבויגן
היינט — טאַקע די פֿיר חופּה־דראָנגעו,
וואָס דאָס פּרוכת ווערט דאָרט אויפֿגעהאָנגען
דער שטעקן צום קאַנטשיק פֿון די מלקות,
דער פֿלאָקן צו דער סוכה, דרענגלעך צום סכך,
און דאָס חלוצה, אויך אַ פֿיינע זאַך,
אַסך שענער פֿון די ווינער פֿאַלקוס.

זיי ווייזן אַלערליי בוימאַלעך און בלומען,
רופֿן איטליכעס מיט איין אַנדערן נאָמען,
פֿאַרשידענע פּירות גרעסערס און קלענערס.
וואָס טויג דאָס? ווייסט דער גוטער יאָר!
עס איז גאָר קיין חידוש נישט אויף קיין האָר,
אין שטעטל ביי מיר געפֿונט מען אַלץ שענערס;
קודם די הושענאָ אויסצווייגלעך זיבן,
כ׳לעבן! זי איז ריין און כשר צו געקליבן,
היינט — די שיינע בוימעלעך פֿון שבועות,
אפילו זיי ווערן שוין דאַר און טריקן,
זענען זיי נאָך אַ סגולה, אַ גרויסער תקון,

צו קאָכן פֿאַרן קדחת פֿאַר רביעית,
די האָפֿן אין די ספרים נישט צו פֿאַרגעסן,
דער מועל זאָל זיי דאָרט נישט צעעסן.
אין דאָס שיינע בעזעמל פֿון דער מקוה„ פֿונם שוויץ,
די דיניעס פֿון מיין גאָרטן, גרויס און פֿיין,
צו מאַכן העננג לייכטער אין סוכה אַריין
נאָ, זעט מען דאָס אין דער גרויסער שטאָט ווין ?...

פלוצים פֿאַלט זיי דאָרט איין און ווייזן,
פֿון דראָט פֿון בלעך, קופּער און אייזן,
זייער פֿאַרשידענע כלים אַלערליי געשיר,
איך קען אייך פֿאַרזיכערן גאַנץ הייליג,
אַז דאָרט איז נישטאָ קיין צענט חלק,
פֿון די כלים וואָס געפֿינען זיך ביי מיר ;
צו די פֿיש אויף שבת, אַ קופּערן פֿענדל,
איין אייזערן קאליכן, צו כשר׳ן אַ קאַנדל,
און דאָס כשר־אייזן, מיט אויערן גאָר אַ פּלא
מצות צו גלייסן, דאָס דרעדל, דאָס בלעכל,
און דער גראָבער שליסל מיט אַ לעכל.
צו צושטיפּלען די מצות, די געלע
אַ בלעכענעם לעפֿל, צו גיסן דאָס ·בליי·
צום דרעדל פֿון חנוכה, אַלע יאָר ניי.
אַה״א פֿאַר אַן עין־הרע, דאָס קינד זאָל טראָגן.
שומרים צו גיין, אַ בלעכענעם לאַמטערן,
אַ צדקה פּישקע, יידן צו דערנערן,
נאָ, קען דאָס אַלדינג ווין פֿאַרמאָגן ?...

די ווינער דייטשנם קעפּ, זענען פֿאַרשטאָפּט,
האָבן מיט דער אויסשטעלונג געלד געפּאָפּט,
נאַרונם האָבן זיך געחידושט אויף זייערע זאַכן,
ווי וועט מען זיך הערשט חידושן, דערקוויקן,
אַז מען וועט אין מיין שטעטל אַלדינג אָנקוקן
איך בין קלוגער פֿון זיי אַן אויסשטעלונג צו מאַכן.
איבערדעם נעם איך מיר אַצינדערט פֿאָר
צו מאַכן אַ אויסשטעלונג אין שטעטל ביי מיר.

איך האָב שוין אפילו אָפּגעקליבען אַ לאָקאַל,
די מקוה, דעם באָד מיטן הויז,
דאָרט שטעל איך אַלע מיינע זאַכן אויס.
דאָס איז ביי אונז, דער שענסטער זאַל.
ס'וועט זיין אָפן טאָג ווי נאַכט,
מיט חנוכה לעכט. און מיט הבדלות באַלייכט,
יעדער מעג קומען עס וועט קאָסטן ביליג,
בפרט, די וואָס זענען אין ווין געוועזן,
מעגן אודאי קומען זאָלן זען —
וועלן זיי וויסן פון איין אויסשטעלונג אַ חלוק...

# הומאָריסטישע ערציילונגען

# דער פויגל

## (אַ בילד)

ס'איז געווען אין חודש נאָוועמבער, ווען דער בייזער גאַסט ווינטער, איז ראַפּטאָם אָנגעקומען, און אונזער געגענט, איך בין מיר געזעסן און מיין קאַלטער און פינסטערער וווינונג, זייער פאַר־זאָרגט, אין פאַרטראַכט, וועגן מיינע שלעכטע אומשטענדן צווישן מיין פאַמיליע האָט געהערשט אַ געטומל. אַן אומרו, איינס האָט גע־וויינט פאַר קעלט ס'צווייטע האָט געוויינט וועגן עסן, די עלטערע האָט געקרעכצט וועגן קראַנקייט...

צוזעענדיג די דאָזיקע טרויריקע סצענע און נאָכדענקנדיק מיין פינסטערע לאַגע, האָט מיר צום האַרץ געטרעטן, און איך בין אַ ביסל אַרויס אין גאַס אפשר וועל איך אָנטרעפן איינעם פון מיינע געווע־זענע באַקאַנטע. פאַרוועמען מיין האַרץ אויסרעדן, אָדער מיך באַראָטן וואָס צו טון, ליידער — האָב איך אין גאַס קיין פריילעכס באַגעגנט...

דער פראָסט איז שטאַרק, דער שניי איז גרויס דער שניי־ווינט דרעט היטשעט. און צייטנווייז פייפט ער ווי אַ פּאָליציי־מאַן, ווי גלייך ער וואָלט נישט גענוג שטאַרק געווען, פאַרלאַנגט ער נאָך הילף... איך האָב זיך אָנגעשפאַרט אין דער וואַנט פונם ווינט זיך צו שיצן, און האָב דערהערט העכער מיין קאָפּ שוויפּטשען פייגעלעך אין אַ נעסט, האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צו באַטראַכטן די קלוגע איינאָרדענונג פונם פויגל הויז, — און כ'האָב דערזען ווי די גרויסע פויגעל שטייען איינגעבויגן און אין דרייען צוזאַמענגעקאָר־טשעט פון קעלט, און קאַמער, און האָבן צווישן זיך גערעדט:

ענדלעך זאָגט ס'פויגעלע צון איר מאַן: זאָג מיר נאָר וואָס וועט אונזער סוף זיין? הער ווי אונזערע קינדערלעך שרייען, זיי וועלן דאָס לעבן פאַרלירן וועגן הונגער און קעלט!...

אָבער וואָס קען איך העלפן אַז דער ווינטער איז אַזוי שנעל אָנגעקומען, און דער שניי האָט פאַרדעקט אונזערע לעצטע לע-בנס מיטל?...

פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס אַנדערע לייטישע פויגל, זיי זענען דאָך דאַכט זיך נישט מער פויגלדיק פון דיר, און פונדעסטוועגן בעקומען זיי, קעמפען, און האָבן פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער, זיי האָבן נאָך צופיל, איבעריקס — ווען אונזערע פייגעלעך וואָלטן געהאַט האַטשע דאָס, וואָס ס'בלייבט פון זיי איבער וואָלטן זיי זיך געשעצט גליקלעך — זיי האָבן זיך אויסגעבויעט מיט־

לען, און האָבן קיין מורא פֿאַר שנייִ אָדער קעלט, הערשט נעכטן האָב איך געזען דעם פֿויגעל פֿון יענעם שפּיץ בוים, ווען ער האָט געטראָגען אַהיים פֿלייש, וואָס פֿאַר אונז וואָלט עס גענוג געווען פֿאַר אַ גאַנצן חודש צו עסן, און ווען איך פֿלו פֿאַרביי זייער נעסט הער איך תמיד פֿריילעכע געזאַנגען פּונקט ווי אין חודש מאַי. זיי וויסן גאָרנישט אויב דער שנייִ טוט אָב ערנסטע שפּיצלעך אונז הונגעריקע פֿויגל צו טויטן...

...איך קען מיך טייערע צו אים נישט פֿאַרגלייכן ! דער רויב־פֿויגל האָט גור אַן אַנדערן כאַראַקטער. ער נעמט ווי ס'קומט אים נאָר אויס, ער קען זיך אַראָפּלאָזן אין אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון עופֿות, און אַוועק הרגענען וועלכע סקומט אים נאָר אויף די ציין, ער קען זיך אַריין כאַפּן אין אַ פֿויגלנעסט, און אַוועקרויבן דעם פֿאָטער פֿון זיינע קינדער. ער זאָל אים גיין העלפֿן רויבן, פּרוכט אָדער פֿלייש, און דערנאָך איבערלאָזן אים טויטן פֿון אַ יעגערס אַ ביקס, זיך צו־נעמענדיק דעם זאַקרויב אַוועקפֿליענדיק און זיין באַפּוצטער נעסט, וואָס ער האָט זיך געבויעט פֿון מיליאָנען פֿויגאַלען פֿלאָג... נאָך אַזעלכע שענדלעכע טאַטן טיט ער אָפּ, וואָס איז אַ גרויל צו צוזען נאָר זיין אייגענע קישקע אָנצופֿולן...

אָבער און גאָטס ווילן ! דער ווינטער הויבט זיך ערשט אַצינד אָן, און זיצנדיק אויף איין אָרט מיט פֿאַרלייגטע הענט, וועט דיר דער רבש"ע נישט אַראָפּוואַרפֿן פֿון הימל גאָרנישט ! ! ...

זי האָט אים אַזוילאַנג איינגערעדט, ביז ער האָט זיך ענטשלאָ־ס'ן זיינע פֿויגעלעך איבערצולאָזן עלנד אליין. ער איז אַוועק און אַן אַנדערער וואַרעמער מדינה. ווי דער שנייִ האָט נאָך נישט באַדעקט די ערד, און ווו מען האָט זיך גערעטעט אַקעגן דער יצורה אַקעגן קעלט און נויט, -- מיט ברידערלעך צוזאַמענלעבן פֿון אַלע פֿויגע־לעך אין לאַנד ווו ס'איז נישט געווען קיין רויב פֿון יחידים און אַליכטיקע זין האָט געשיינט איבער אַלע נעסטן, און דער געזאַנג פֿונם מאַי האָט אָנגעפֿולט אַלע פֿיר יאָרטיילן — ווי אין אַ חלום זע־נען אויגן זיינע צאַרט געוואָרן צוריקפֿליענדיק אין זיין ווינטער מדינה מיט דער בשורה פֿאַר זיינע ברידער־פֿויגלעך פֿאַמיליע.

די פֿויגל־וויזיע האָט זיך אָפּגעשפּילט און הונגעריקער, פֿראָסט־טיקער גאַס, אַקעגן מיינע פֿאַרכמורעטע אויגן, קעגן מיין טרויריקע לאַגע.

יאָ ! נאַרישע פֿויגעלעך איבערדעם האָט דער רויבפֿויגל די שעה טובה אַלעס אַוועקצורויבן פֿון אייער מויל, פֿון אייערע הענט.

וואָס איר האָט געזאַמלט אין אייערע זומערס, און אייערע אַרבעטס־טעג — ווייל איר זיצט מיט פאַרלעגטע הענט, און מיט געבעט, מיט אַראָפגעשלאָגנקייט — איר האָט איך אַליין איינגעשפאַרט ביים טיראַן אין דער שטייג זענט איהר פריי, אין דער פרייער לופט — פריי צו שטאַרבן מיט אייערע פויגעלעך, מיט פלאָג ביז !...

און פאַרוואָס ? — — —

ווייל פויגעלעך : נעמען מיר זיך צינויף פון אונזערע הונגע־ריקע נעסטן, אַראָפ צו קלאָפן דעם ווילדן טיראַן דעם רויבפויגל... דעמאָלט פויגאַלעך !...

---

# געדאַנקען פון אַ משוגענעם

## (פיל־אָזאָפיע)

געלויבט איז גאָט עס איז מיר שוין אַביסל גערינגער, דאָס קאַלטע וואַסער האָט מיר געשטערקט מיינע נערוון, און ווייל מיין מוח איז אַצינד אין אָרדענונג, מוז איך מיך איילן, אים צו באַנוצן — דען ער קען באַלד, ווידער אויסגעוועפט ווערן...

זעט איר רבותי, אַזוי ווי איך בין משוגע, פונדעסטוועגן, ווייס איך אַז דער מענש, איז אויך נאָר אַ בהמה — נאָר דער חילוק איז: אַ בהמה האָט פיר פיס, און די מענשלעכע בהמה האָט צוויי פיס ; ס'איז נאָך פאַראַן אַ חילוק : די פירפיסיקע זענען טאַקע נאָר פראָס־טע חיות, און די צוויי פיסיקע זענען ציוויליזירטע חיות — גאַנץ נאַטירלעך שטייען די צוויי פיסיקע חיות, העכער די פירפיסיקע פראָסטע חיות, ווייל אויב די פראָסטע חיה אַז זי עסט זיך אָן, און זי איז גוט זאַט, טשעפעט זי מיט קיינעם נישט, אָבער די ציוויליזירטע חיה האָט אַ מעלה, לעבן זאָל זי — דאָס זי ווערט קיינמאָל נישט זאַט, און וואָס מער זי עסט, ווערט זי אַלץ מער הונגעריק, ווייסט איר פאַרוואָס ? ווייל זי עסט מיט די אויגן !...

כאַ כאַ כאַ ! איך ווייס איר וועט ווידער, אַיעדער זאָגן אַז איך רעד ווי אַ משוגענער זאָג איך אַז איר גלויבט מיר נישט, זענט איר אַליין משוגע, און איך האַלט זיך ביי איינעם אַז זי עסט מיט די אויגן.—

נאָך אַ גרויסער חילוק איז פאַראַן צווישן די פראָסטע ווילדע ביז צו די ציוויליזירטע חיות, די פראָסט ווילדע עסט נאָר אַ בהמה, למשל אַ קאַץ עסט נאָר אַ מויז, אָבער דאָס האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געהערט, דאָס אַ לייב זאָל אויפעסן אַ לייב, אָדער אַ וואָלף

זאָל אויפעסן אַ וואָלף ביי די ציוויליזירטע חיות אָבער, איז אַ בהמה אַ שאָף גור דאָס קלענסטע פון זייערע מאכלים. אויפצועסן... הערט אַ גרויס וווּנדער, זיי פרעסן זיך אַליין אויף איינס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהייט, למשל... — נאָר וואָס טויג משלים? זענט איר דען אַליין נישט פאַר אייך לעבעדיקע משלים, איר ווינט יאָ דאָך נישט אין וואַלד צווישן ווילדע חיות, פונדעסטוועגן וויפיל טויזנטער גייען פון אייך אַרויס מיט צעריסענע הערצער מיט אויסגעזויגן מאַרעך, מיט פאַרגיפטעט בלוט, מיט אויסגעדראַפעטע פנימער מיט אָפּגעדרעטע און פאַרדרעטע קעפּ? נאָ ווער האָט עס אייך אַזוי צובלוטיקט? האַ! די ווילדע חיות פון וואַלד?... איר זאָגט אַ ליגנט! איר ווינט דאָך נישט אין וואַלד, איר ווינט דאָך אין שטאָט צווישן... אָ! איך בין שלעפעריג, לאזט מיר גיין אַביסל שלאָפן,

— וואָס שלאָפן? איך האָב אייך אָפּגענאַרט ניין, איך גיי נישט שלאָפן, ווי קען איך דען שלאָפן? ווי דאַרף גאָר אַזאַ חיה ווי איך שלאָפן, ווען אלע מינוט, מוז איך זיך אומקוקן אין אַלע זייטן אפשר, כאַפּט זיך אַריין צו מיר אַ ציוויליזירטע חיה און רויבט מיר אַוועק מיין איינציקע טאָכטער, און רעדט אָפּ מיין ווייב מיין טייערע חנה׳לע, אפשר ווער איך אַנטשלאָפן און מען גנבעט ביי מיר אַוועק מיין לעצט ביסל אָרימקייט, אפשר וואַרפט מען מיר אונטער עפּעס און מען מאַכט מיר אַ בולבל, און מען הויבט מיך אויף אין אַ בייגאַכט גאָר איינצוזעצן אין קערקער! אפשר וועט מיך אַ ציוויליזירטע חיה גאָר קוילען, דערשיסן, אָדער, פאַרגיפטן, יענע פראָסטע ווילדע חיות, פאַרשטייען נישט די דאָזיקע ענינים, ווייל זיי האָבן קיין פאַרשטאַנד, איר ווייסט וואָס עס הייסט פאַרשטאַנד? פאַרשטאַנד איז דאָס, וועלכעס לערנט אויס מאַכן שאַרפע מעסערס, גופט, פולווער, דינאַמיט, מען זאָל קענען מיט איין קלאַפּ צערייסן טויזנטער, טאַקע פון זייערע אייגענע ציוויליזירטע חיות — און איבערדעם דאַרף איך נישט שלאָפן מען מוז זיך היטן, און ס׳איז אומעגלעך זיך אויסצוהיטן, איך וויל אייך זאָגן פאַרוואָס, יענע ווילדע חיות דערקענט מען אין די ראַסן, ווייל די נאַטור האָט אַ יעדע חיה אַ עקסטער אינסטרומענט געגעבן אַ שלאַנג האָט אַ צינג מיט גיפט, אַ טיגער האָט שאַרפע נעגעל, אַ וואָלף האָט שאַרפע ציין, אַ בער האָט אַ גימען צו זויגן בלוט, אַ פּיפל האָט הערנער, איין עלעפאַנט אַ לאנגע נאָז, אַ פערד הינטערשטע צוויי פיס מיט וועלכע ער שלאָגט, אַ הינט בילט.

די ציוויליזירטע חיה אָבער, האָט די נאַטור געבענטשט מיט אַלע אינסטרומענטן, זי רייסט, זי בילט, זי דראַפעט, זי דריגעט,

שטעכט, זויגט, פֿאַרגיפֿטעט, און בייסט, אַזוי, אַז מען קען גאָרנישט וויסן ווען און וואָס און וויאַזוי. און פֿאַרוועמען מען זאָל זיך היטן. פֿריער — איבערדעם קען מען נישט שלאָפֿן, און אַז מען קען נישט שלאָפֿן טראַכט מען עפּעס אויס, נאָ, מעגט איר הערן, וואָס אַ משוגענער טראַכט אויס.

די נאַטורפֿאָרשער האָבן זיך נישט געקענט דערגרונטעווען אין דער נאַטור, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זייער מוח, זאָל זיך ביי זיי נישט איבערקערן, נאָר איך אָבער, ווייל מיין מוח איז שוין סיי ווי סיי איבערגעקערט, בין איך דערגאַנגען, אַ וויכטיקן סוד פֿון דער נאַטור ; דאָס ווייסט איעדער, אַז אַ קו ווערט געבוי־רען אַ קו, און פּגרט אַ קו, פֿון אַ פֿערד קען נישט ווערן איין עלעפֿאַנט, עס מוז פּגרן אַ פֿערד, אָבער ב י י מיינע צוויי פֿיסיקע ציוויליזירטע בהמות ! קען זיך אָבער מאַכן דאָס אַ חזיר זאָל פּלוצ־לונג בעקומען הערנער ווי אַן אָקס, אַן אייזל זאָל בילן ווי אַ הינט, אַ בהמה זאָל דרייען מיט דער נאָז ווי אַן עלעפֿאַנט. און אַ פֿערד זאָל בעקומען נעגל ווי אַ טיגער.

יאָ, עס מעגן זיך אַלע פֿילאָסאָפֿן ברעכן די קעפּ, וועלן זיי נישט וויסן די אורזאַך דער פֿון, נאָר איך מעשוגענער בין געוויר געוואָרן דעם סוד, דאָס איז נאָר וועגן דעם אַז — ווען מיינע צוויי פֿיסיקע בהמות עסן, שלינגען זיי אין זיך איין אַזאַ מין ווערעמל, וואָס האָט אין זיך אַזאַ קראַפֿט, וואָס קען מאַכן וואונדער באַרע פֿאַרוואַנדלונגען. איר ווילט אוודאי וויסן וויאַזוי דאָס ווערעמל הייסט ? נאָ וועל איך אייך זאָגן. דאָס ווערעמל הייסט „געלד״ ; און ווען אַ צוויי־פֿיסיקע בהמה למשל אַ חזיר שלינגט אין זיך אַריין אַ ווערעמל, וואַקסט אים באַלד אַרויס הערנער, און ווען דאָס שלינגט אַ פֿערד בעקומט ער באַלד נעגל ווי אַ טיגער, און אַזוי ווייטער. זיי ווערן אַזוי וווּנדערבאַר פֿאַרוואַנדלט, אַז, אַלע איבעריקע חיות, דערשרעקן זיך און ציטערן פֿאַרן דאָזיקן איבערנאַטירלעכן באַשעפֿעניש און איבערדעם האָט אים געקריינט די וועלט מיטן נאָמען „מענש״ —— איבערדעם זאָלט איר געדענקען, אויב מען וועט אייך דערמאָנען דעם נאָמען „מענש״ זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז געווען אַן אַף אָדער אַ פֿערד, נאָר אין זיין בויך ליגט דאָס ווערעמל, וואָס הייסט געלד, און ווען נישט דאָס, וואָלט מען אים גערופֿן פּשוט „בהמה״ „אַף״.

פֿאַר דער דאָזיקער באַגרונטפֿעסטיקונג, פֿאַרלאַנג איך פֿון אייך רבותים, דאָס איר זאָלט מיר לאָזן אויסגיסן אַזאַ „מאָנומענט״ — דער־

קאָפּ זאָל זיין פון אַ פוקס, דער שטערן פון קופּער, און פון שטערן זאָל אַרויסגיין צוויי הערנער. די אויערן פון אַן אייזל, דאָס מויל, די צונג פון אַ קראָקאָדיל, די נאָז פון אַ חזיר, די נעגל שאַרף ווי ביי אַ טיגער, דער בויך ווי אַ קאַסע־קאַסטן אַרומגעוויקלט מיט אַ שלאַנג, און אינעם גאַרטל אַריינגעשטעקט אַ שווערד, די פיס פון אַ פערד, בשעת ס׳דריגעט, נעבן דער פיגאָר זאָל שטיין אַ פאַרגאָל־דעטער „מיסט־טאָפּ״ כדי, אין די שפּעטערע צייטן, ווען איינער וועט מיט זיין קינד דעם „מאָנומענט״ פאַרביי גיין, און דאָס קינד וועט פרעגן דעם פאָטער; „וואָס באַטייט דערדאָזיגער פיגור״? זאָל אים דער פאָטער ענטפערן, אַז דאָס איז אַ חיה, וועלכע מען האָט אין די פריערדיקע יאָרהונדערט מיטן נאָמען „מענש״ גערופן, — גע־וואַלד?! וועט דאָס קינד שרייען, ווו איז געווען זיין חכמה? — די פיגור ציינט דיר יאָ מיט איר לאַבע! וועט דער פאָטער ענטפערן — אין „טאָפּ״ ווו איז געלעגן זיין „בילדונג״ זיין „יושר״ זיין „מענש־לעכקייט״ זיינע „העלדנטאַטן״ זיין „רום״ זיין „ערנוואָרט״? אין טאָפּ — אין טאָפּ — אין טאָפּ...

---

# אַ משוגענער דין תורה

## (די קו אָדער די שוועסטער)

רעב מאָטעלע דער רב פון ב... איז נאָר וואָס אַהיים געקומען פון דער שיל מיטן טלית־בייטל אונטערן אָרעם, האָט ער שוין געטראָפן וואַרטן בענצי זשאָבריק, בענצי איז געקומען צום רב, האָבן אַ דין תורה און אויך פרעגן אַ שאלה, אָדער גלאַט־אַזוי וועגן אַ עצה. איך קען אייך נאָר ליבע לעזער פאַרזיכערן, דאָס בענצין נעבעך האָט זיך נישט דאָ געדאַכט, געטראָפן אַ דאָפּלט גרויס אומגליק אָט אַזוי:

שמערל וועלכער וווינט אַ תחום־שבת ווייט פון בענצין, האָט שבת ביינאַכט אַרויס געגנבעט בענציס קו און האָט געמאַכט אַ ויברח, וואָלט ער געוועזן אַנטלאָפן, נאָר מיט דער קו אַליין, וואָלט בענציס אומגליק נישט אַזוי גרויס געוועזן, די צרה איז אָבער, וואָס שמערל האָט אויך מיטגענומען בענציס שוועסטער אַ יינגע אלמנה, און איבערדעם איז ער געקומען, דער צעטראָגענער בענצי צום רב פון ב... אויסגיסן זיין שווער האַרץ.

רעב מאָטעלע, האָט אים געהייסן זיצן, און געהייסן אים פערציילן וואָס ס׳האָט אים פאַסירט.

אַ צינט ליבע לעזער, לאָמ׳ר לאָזן זיי ביידע רעדן דעם רב מיט בענצין, און לאָמיר זען אויב זיי פֿאַרשטייען זיך.

(בענצי:) רב, ! שטעלט אייך פֿאָר, מיין שוועסטער און מיין קו, זי׳ זענען ביידע געוועזן ביי מיר, זי איז געוועזן אַ אלמנה...

(רב:) ווער, די קו ? ...

(בענצי) ניין ! די שוועסטער מיין איך די אלמנה, מיטאַמאָל קומט זיך שמערל און נעמט זיך צו, דאָס איז פֿאַר מיר אַ גרויסער שאָדן, ווייל זי האָט מיר געגעבן אַזויפֿיל מילעך אַיעדן טאָג.

(רב) ווער, די שוועסטער ?

(בענצי) ניין, — די קו !

(רב) איך פֿאַרשטיי אייך נישט רעב בענצי, איר האָט דאָך פֿריער געזאָגט די שוועסטער !

(בענצי) איר זאָלט זיין געזינד רבי, ער האָט די שוועסטער אויך צוגענומען, נאָך דעם ווי ער האָט אָבגעבינדן דעם שטריק פֿון אירע הערנער.

(רב) וועמען — די שוועסטער ?

(בענצי) איך האָב דאָך שוין, דאָך געזאָגט, דער קו, זי האָט מיר אַזויפֿיל מילעך געגעבן — די קו נישט די שוועסטער — און זי פֿלעגט ברכה זאָגן מיט די קינדער, איך מיין די שוועסטער נישט די קו, און זי איז געוועזן אַ טייערע דימענט.

(רב) די קו ?

(בענצי) ניין ! די שוועסטער, און איצט ווייס איך נישט וואָס צו טון, זי איז ווערט געוועזן אַ 30 — זילבערנע גילדן, אַפֿעטע בהמה...

(רב) איר מיינט מן הסתם די קו ? ...

(בענצי) וועמען דען, די שוועסטער ? איצט רבי לעבן זאָגט, וואָס זאָל איך טון, זי איז נעבעך געוועזן אַ אלמנה, זי האָט קיין אַנדערן חסרון געהאַט, נאָר דעם חסרון, וואָס זי פֿלעג שטויסן מיט די פיס...

(רב) ווער — די שוועסטער ?

(בענצי) געוואַלד, וואָס טוט זיך דאָס מיט אייך רבי ? פֿאַרוואָס מישט איר אויס צוזאַמען, די קו מיט דער שוועסטער ?

(רב) נאָ, וואָס ווילט איר האָבן ? אַ דין תורה וועגן דער שוועסטער אָדער וועגן דער קו ?...

(בענצי) וועגן אַלע ביידע...

(רב) נאָ ברענגט מיר אַהער די קו, און די שוועסטער.

(בענצי) ווען איך העט זיי געקענט ברענגען, וועט איך נישט אַהער געקומען!

(רב) אויב אַזוי זענט איר גערעכט. נאָ גייט און ברענגט אַהער שמערלען!

(בענצי) שמערל איז אויך ווי אין דער ערד אַריין. פאַרגעסט נישט רבי אַלעס וואָס מיר איז איבערגעבליבן, איז אַ קאַלב וואָס זי האָט מיר איבערגעלאָזט...

(רב) ווער — די שוועסטער?...

בענצי איז ברוגז געוואָרן, און האָט געכאַפּט דעם שטעקן, אַרויסגעלאָפן שרייענדיק, „געוואַלד די קו נישט די שוועסטער" דער רב איז געבליבן אַליין, און האָט זיך פאַרטיפט מיטן גמראָ־ניגן, רעדנדיק צו זיך אַליין אַזוי: לאָמער זען, איך האָב דאָ פאַר מיר, אַ קו איין אלמנה, וואָס זאָגט ברכה מיט די קינדער, און אַ מעלקנ־דיקע שוועסטער. וואָס שטויסט, נאָ ווי געשיקט זיך דאָס אַזוינס?... הייגט איז פאַראַן שמערל וואָס האָט געגנבעט די שוועסטער, און האָט איבערגעלאָזט אַ קאַלב און איז אַנטלאָפן מיט דער אלמנה, זאָל איך זאָגן אַז די שוועסטער איז די אלמנה, נאָ ווי קומט צון איר אַ קאַלב? אָלאָ מאַי, מוז איך דאָך זאָגן, אַז די קו איז די אלמנה, נאָ פאַרוואָס שטויסט ווידער די שוועסטער?... כלעבן, דאָס איז אַ שווערע הלכה, פון קו שוועסטער שוועסטער און קו!...

---

# דער ספּאָדיק

חיים חייקל כירקעווער, איז אַמאָל אין אַ גרויסן שטורם־ווינט געגאַנגען פון כירקעוו קיין זשירקעוו, שמירה קויפן, און דער ווינט האָט אים פאַרטראָגן דעם ספּדיק — מיילע לאָמער אַוועק לייגן חיים חייקלען, און טאַקע נאָר שמיסן פונם ספּאָדיק — דער ספּאָדיק האָט זיך געקאַטשעט וואַלד אויס, וואַלד איין, נישט אויס נישט אַן, ביז ער האָט זיך פאַרשלעפּט און אַ ווייבערדיש שילעכל אַריין, און איז געבליבן ליגן און אַ מוזנלאָך — די אַלטע געבאַי־טע חאַסיע, איז געקומען אין שיל אָברעכטן חצות, און זוכנדיק און דער פינס־טער דעם סטאָטשיק — האָט זי אָנגעטאַפּט דעם ספּאָדיק — און איז טאַקע באַלד אַ נידער געפאַלן חלשות.

פון דעם „שומרים לבוקר" שילעכל וואָס איז געווען נעבן דער ווייבער שיל, האָט צמח דער פרוש, דורך די גראַטעס אַריינ־

געקוקט אין דער ווייבער שיל. ער פֿלעג זיך טאַקע אַזוי נוהג צו זיין מנהסתם האָט ער עפּעס דערמיט געמיינט — און האָט דערזען ווי די גבאי'טע ליגט, צמח מיט דער גאַנצער חברה „שומרים לבוקר" זענען אַלע מיט גרויס פּחד צוגעלאָפן מיט די טליתים תפילינ'ס אין די הענד, גראָד אַריין אין דער ווייבערישער שיל. דער מויז וואָס האָט נעבעך דער הערט די טריט פֿון די ווילדע מענשן. האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. און האָט זיך גיכער געוואָלט אַרויסכאַפּן פֿון אונטערן ספּאָדיק. און לויפן אין אַ באַהעלטעניש אַריין. פֿאַר גרויס איילעניש אָבער. האָט ער זיך אָנגעטשעפּעט צום ספּאָדיק, און האָט זיך דאָרט געראַנגלט. מיינע שומרים־לבוקר'דיקע. האָבן דערזען אַז אַ ספּאָדיק רירט זיך, איז באַלד אין איין אָטעם געלאָפן צום רבין...

דער רבי מיט זיין גאַנצער חברה. האָבן געכאַפּט דאָס גאַנצע קלאַפּער געצייג, דעם סלאַוויטער זוהר. דעם אָסטערער „שערי ציון", איין אַלטן מעבר־יבק אַ קראַמפּפינגערל, דער אַלטער רביצינס שליי־ער דעם שטיק אַפּיקומן איין אַלטע הושענא, דער רבי אַליין האָט געכאַפּט זכות אבות אין איין האַנד און דעם לולב אין דער אַנדערער האַנד, און מען הולכ'ט אַריין אין ווייבער־שיל, מיטן גאַנצן רעגימענט און כלי־זיין, פֿאַרטיק אויף קדוש־השם ביי דער טיר האָט דער רבי אַ געשריי געטון: „בשם כל השמות הקדושים" זאָג ווער דו ביסט ?! דער ספּאָדיק שוויגט. — „בשם אבות הקדושים והטהורים" באַוויייז דיך ! דער ספּאָדיק שוויגט, אני דק, בן פ... בין גוזר אויף דיר, זאָלס זאָגן ווער דו ביזט !. דער ספּאָדיק ווי אויף צו להכעיס שוויגט. דער רבי האָט אַפּאָר שעה זיך פֿאַרטיפֿט אין די עולמות. אין האָט אַ געשריי געטון, : דאָס איז אַ גולגל פֿון אַ ווילדן מתנגד. פֿון אַ גרויסן אפּיקורוס, טיט אים זיין רעכט ! מען האָט אַרום דעם ספּאָדיק געמאַכט שבעה הקפות, געבעטן מחילה און און מען האָט אים מקבר געווען, טאַקע ווי עס געהער צו זיין.

לאָמיר אַוועק לייגן דעם ספּאָדיק און רעדן פֿון חיים חייקל : חיים חייקל האָט פֿון דער מעשה געקוואָלן, זיך גאָר מחיה געווען, און האָט פֿאַר קיינעם גאָרנישט מגלה געווען דעם סוד, ערשט ביי זיין גסיסה. האָט ער פֿאַר אַ מנין מתודה געווען, אַז דאָס איז זיין ספּאָדיק און מיט שמע ישראל איז פֿון אים אַרויס די כשרה נשמה. נאָך עד היום ליגט חיים חייקל פֿון איין זייט, — די גאַבעטע אין — דער אַנדערער זייט. און דער ספּאָדיק אין מיטן, אָט דאָס איז די מעשה פֿונם ספּאָדיק, דאָס ליכטיקע גן־עדן זאָל ער האָבן, אמן ! ...

# דער מלאך האָט פאַרגעסן

ששׁשאַ ! שאַ ! דאָס איז נישט אינגאַנצן אמת ! איר ווילט באַהויפּטן אַז אַ קינד וויינט ביים געבויערן ווערן דערפאַר, ווייל דער מלאך, גיט אים אַ שנעלק אויף דער אויבערשטער ליפּ, כדי ער זאָל אַלעס פאַרגעסן — זעט איר איך האָב געוויינט און געמאַכט משונה׳דיקע קולות, כאָטשע דער מלאך האָט מיך אפילו נישט אָנגערירט ביי מיין מויל.

יאָ יאָ, מיינע ליבע לעזער, אַ מלאך איז אויך נישט מער, נאָר ווי אַ מלאך, און אַז ער איז טאַקע־צופּיל באַשעפטיקט, קען ער זיך אויך נישט צעריסן... נעבעך ! דעמאָלט ווען די מענשן אויף דער ערד, האָבן די ערשטע גרויסע כאָליערע געהאַט וואָס מיליאָנען זענען דורך איר אומגעקומען. די צאָל האָט אָבער געמוזט צוריק אויסגעפילט ווערן. און די שטערבליכע האָבן זיך טאַקע שטאַרק פאַרמערט. דער מלאך האָט נעבעך געהאַט זייער פּיל צו טון, צו ליפערן גרויסע מאַסע נשמות. וועגן גרויס באַשעפטיקונג האָט ער נישט נאָר איינמאָל פאַרפעלט אַ הימלישע קדושה, אָדער אַ פרק שירה, דערצו האָט ער נאָך געהאַט צו טין מיט פאַרשידענע שלעק, אָנשיקענישן, און שלוממזלות. אַיעדער האָט אים גענידעט אויף איין אַנדערן אופן.

אָט למשל טאַקע איך אליין, ווען ער האָט אַראָפּגעכאַפּט מיין נשמה פון אַ גילדענעם שטראַל, האָב איך געמאַכט אַזעלכע געוואַלדן אַז מען האָט עס אַזש דערהערט אונטערן כסא כבוד, און מען האָט באַלד געשיקט פרעגן, ווער עס מאַכט דאָרט אַזאַ שקאַנדאַל. אָרימער מלאך ! ער האָט געמוזט דערקלערן, דערציילן, און זיך רעכטפערטיקן, אַז ער האָט מיר חלילה נישט בייז געטון, נאָר גלאַט איך בין אַ צעקראַכענע נשמה, וואָס האָט אַ טבע צו שרייען, און צו קלאָגן, און נישט זיין צופרידן מיט זיך, און מיט דער גאַנצער וועלט. איך האָב דעם מלאך אזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז ער האָט פאַרגעסן מיר אַ שנעלק צו טון, און אויב דער מלאך וועט איבערדעם ליידן עפּעס אַ שטראָף. באַדויער איך אים. נאָר פאַרוואָס איך האָב געהאַלטן אין איין וויינען אין קלאָגן, וועל איך אייך דערציילן וואָס איך געדענק...

„נאָמענלאָזע נשמה” האָט דער מלאך איילנדיק אויסגעשריגן, ווען ער האָט מיך ארונטערגעכאַפּט פון מיין רוה־פלאַץ „קום” !...

וואַהין ? האָב איך געפרעגט שטאַרק דערשראָקן.

„אין אַ גוף אַריין — אין אַ גוף פון אַ שטערבלעכן מענשן”
„ווי איז מיר” ! לאָז מיך אָפּ וואָס ווילסטו האָבן פון מיר ?
האָב איך געשריגען „לאָז מיך דאָ שוועבן אויף די שטראַלען, שווי־
מען אויף דער בלויער לופט. מיך באַוועגן אין דער אונענדלעכקייט.
און געניסן אומגעשטערט, די אומשטערבלעכקייט”...

„זיי נישט קיין נאַר”, האָט דער מלאך צו מיר געזאָגט „דאָס
אונפאַרמיידלעכע קען מען נישט אויסמיידן” דו מוזט אַריינקומען אין
אַ שטערבלעכן גוף, איבעריקענס, עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט,
מען לעבט צווישן אַזאַ מאַסע, וועלכע קעמפט און שרייט צו דער־
גרייכן ווייטער און העכער — אמת ! ביז מען דערגרייכט עפּעס...
האָט מען צרות, ערגערניש, ווייטאָג, נאָכדעם אָבער האָט מען פאַר־
געניגן, וואָס שמעקט זייער גוט, ווייל צענטויזנט מאָל שמעקט בע־
סער אַזאַ פאַרגניגן, וועלכעס קומט נאָך די מכות, וואָס דאָס שיק־
זאַל איז מכבד... — נאָ עפּעס אַ ברירה האָב איך געהאַט ? אַז מען שיקט
מוז מען גיין. דעם מלאך׳ס עבודה איז אָבער צו ווייזן אַיעדע נשמה, וויאַזוי
די דאָזיקע וועלט זעט אויס. וואוהין מען גייט זיך פאַראייניקן מיטן
טעם חומר, דער מלאך האָט מיט מיר געשוועבט, ביז ער איז מיט
מיר אנגעקומען אין אַ שטאָט, וועלכע איז פול געפּאַקט מיט מענשן.

„זעסטו־דאָרט” האָט דער מלאך צו מיר געזאָגט „קוק אהין
וועסטו זען די וועלט.” — מיין בליק איז געפאַלען אויף אַ קליין
שיין קינד, וו מיין נשמה האָט זיך באַדאַרפט איינקוואַטירן, דאָס
קינד האָט שווער געאָטעמט, אַ מוטער מיט געשוואָלענע פאַרוויינטע
אויגן בליקט פאַרזאָרגט צום קינד, אַ יעדע מינע האָט אויסגעדרוקט —
אַ וועלט מיט ליבע און שמערץ, מיט אַפּאָר שריט ווייטער, איז גע־
שטאַנען דער פאָטער טרויריק, זיי האָבן שוין מערערע נעכט נישט
געשלאָפן, נישט געגעסן, נישט געטרינקען, ווייל זייער גאַנץ אויפ־
מערקזאַמקייט, איז געלעגן אויפן קינד...

„וואָס ערגערן זיך אזוי די נאַראָנים” ? האָב איך געפרעגט.
„וואָס קימערט זיי וואָס דאָס קינד איז קראַנק” ? אין אַז ס׳וועט
שטאַרבן, וואָס וועלן זיי דערלייגן, און וואָס וועט דאָס קינד פאַר־
לירן ?... — דו אונערפאַרענע נשמה האָט דער מלאך צו מיר גע־
זאָגט „זיי קימערן זיך נישט ווייל זיי ווילן נאָר ווייל זיי מוזן, מען
פרעגט זיי נישט אויב זיי וועלן דערלייגן, ס׳איז נישט קיינעמס אינ־
טערעסע, וואָס דאָס קינד וועט פאַרלירן, דאָס קינד מוז לעבן,
אויסוואַקסן, ווערן אַ מענש, דאָס קינד אָבער באַנויטיקט פלעגע,
איבערדעם איז אריינגעגעבן געוואָרן אַזויפיל ליבע אין די הערצער־

פון די עלטערן, אַז זיי זענען באַרייט מפקר צו זיין זיך פאַר זייערע קינדער" — די דאָזיקע בילד איז פאַרשווונדן, און אַ צווייטע איז ערשינען, האָב איך דערזען דאָס קינד עלטער. אין דער מלאך האָט געעפנט דאָס טויערל פון זיין הערצעלע, און איך האָב אַריינגעקוקט, דאָרט האָב איך באַמערקט אַ גאַנצן הויפן עדל־שטיינער, און פון איעדן האָט אַרויסגעפינקלט „פאָטער־ליבע, מוטער־ליבע" — דאַן האָב איך געזען די דאָזיקע עדלשטיינער זיך אויפ־לעזן, זענען געוואָרען צערשמאָלצן, ווי אייז אונטער דער זון, אין אַנדערע בריליאַנטן האָבן זיך באַוויזן, וועלכע האָבן געפונקלט מיט די ווערטער „פרויען־ליבע" און „קינדער־ליבע" — און ווו איז די פאָטער און מוטער ליבע ?... האָב איך ערשטוינט געפרעגט, „דער פלאַץ פון האַרץ איז צו קליין, און אַנדערע ליבע האָבן געמוזט קו־מען אויף זייער אָרט, האָבן די ערשטע באַדאַרפט צו פאַרשווינדן", האָט דער מלאך געענטפערט, מיין נשמה האָט אויפגעשוידערט. עס האָט זיך שטאַרק פאַרדראָסן פלוצלונג איז גאָר אַלעס פאַרשוונדן, די סצענע האָט זיך געוועקסלט, אין אַ נייע איז ערשינען.

דאָס קינד איז נאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר איין אַלטן מאַן, די קנייטשן אויף זיין שטערן, די טיפע קאַרבן אויף זיינע באַקן, האָבן מיר דערציילט אַ נייע געשיכטע, איך האָב דאָרט גע־ליינט, וויאַזוי, ער האָט נישט דערשלאָפן, נישט דערעסן, אָמצייליגע מאָל זיך געשטעלט אין לעבנסגעפאַר, געליטן שמערצן, אַלעס צוליב זיינע קינדער, כדי זיי גוט צו ערציען, באַוואָרענען און פאַרזיכערן, און ער... איז געלעגן שוואַך און קראַנק אין בעט, קיינער האָט אים נישט געשענקט, אַ פריינדלעכן בליק, די קינדער זיינע האָבן יוצא געווען מיט זייער ערשיינען, און זענען באַלד אַוועק, זייער פריש געלעכטער, פון צווייטן צימער, האָבן דערגרייכט צום אַלטנס אויערן, וועלכער האָט געוויינט פאַר ערגערניש.

„רויק, רויק אָרימע נשמה" האָט דער מלאך מיר געזאָגט, אַזוי איז עס. אַזוי מוז עס זיין" דער אַלטער האָט אָפגעקעמפט, אָפגע־דינט, איצט עפנט די ערד איר שוואַרץ מויל, אים איינצושלינגען, צו וואָס דאַרף ער ליבע, מיטלייד, רחמנות !... ס'איז יאָ אַן איי־בעריקע זאַך, קינדער דאַרפן לעבן, זיי דאַרפן ליבע, מיטלייד, ער־באַרעמונג — אָבער אַלטע מוזן שטאַרבן"...

„לאָז מיך מלאך איך וויל נישט, איך וויל נישט אַזאַ וועלט ! שרעקליך שוידערהאַפט !"

אין יענעם אויגנבליק, האָט דער מלאך מיט מיר אַ שליידער־געטון און איך בין געקומען אויף דער דאָזיקער וועלט. שרייענדיק, אָבער דאָס געשריי, איז נישט געווען איבער דעם, ווייל דער מלאך, האָט מיר געגעבן אַ שנעלק אונטער דער נאָז...

---

# אַ בריוו פון אַ חתן צון אַ כלה

...צו מיין טייערע באַשערטע מרת ציפע־רייצע זאָל לעבן און געזונד זיין ביז טויזנט יאָר, אמן כן יהי רצון !...

...אַזויווי מען ווערט זאַט פון אַ גוטע געבראָטענע גאַנז, וואָס מען האָט געפּיטערט אַכט וואָכן, אַזוי זאַט בין איך היינט געוואָרן מיט דיין טייערן, ליבסטן, בעסטן צוקערזיסן שרייבן, דיין ליבהאַר־ציקער בריוו, האָט פאַר גרויס שמחה מיין האַרץ צולעכערט, מיר דאַכט זיך אַז דו ווייסט גוט, אַז איך האָב דיך ליבער פון איינגע־מאַכץ — אזוי ווי איין אויסגעפּאַסעט פּערד אַז עס צעיאָגט זיך, איז דאָך זיין שפּרינגען זייער גרויס, אַזוי גרויס איז דאָס היפּען פון מיין האַרץ צו דיר...

...איך בין שיעור פון דער הויט אַרויסגעשפּרינגען, קלערנדיק וואָס דאָס קען זיין, די מעשה, וואָס דו האָסט מיר אַזוי לאַנג נישט געשריבן איך האָב געקלערט, אַז דו ביזט גאָר חולה־ואַטע, דו ליגסט אין אַ גרויסאַרטיקן טיפוס, אָדער אין אַ גאַנץ שווערע הי־ציקע קראַנקהייט... וואָס איך האָב נאָך אַלץ געקלערט, איך האָב אַש, פאַר גרויסע יסורים, בעקומען בויכווייטאָג, איך האב אפילו גע־שוואָרן ביי דער שיל, ביי דעם בית־המדרש, ביי מיין נייעם ארבע־כנפות, וואָס נישט לאַנג האָט מיר רעב ,שמואל מלמד אָנגעמאַכט, אמת'ע כפל שמונה'דיקע ציצית... אַז דו מוזט נאָר האָבן אַ האַרץ פון אַ מכשפה, דען עס איז גאָר קיין קאַטאָוועס, פיר וואָכן גאָרנישט צו שרייבן... איך בין אַרום געגאַנגען גאָר ווי אין חלום, איך האָב שיעור מיין לעבן פאַרשפּילט צוליב דיר...

דען עס איז מיר איינגעפאַלן אַ פּלאַן איך זאָל זיך אויפהענ־גען, איך האָב שוין געהאַט, אַראָפּגענומען דיעם פּאַסיק פון די הויזן, און כ'האָב שוין געוואָלט מאַכן די קונץ, נאָר איך האָב מיך דער־מאַנט, איך קען נאָך חס־ושלום דערשטיקט ווערן, און דאָס האָט מיך צוריק געהאַלטן... נאָר מיט דיין שרייבן וואָס איך האָב היינט פון דיר ערהאַלטן, האָסטו מיר געשענקט אַ נייע נשמה.

... ווייטער קיין נייעס נאָר איך בעט דיך ליבע כלה, אַז פֿון אַצינד אָן, און ווייטער, זאָלסטו נישט זיין מער תמ׳עוואַטע אַזוי ווי אַ בהמה, און זאָלסט מיר עפּטערס שרייבן...

... בלייב זשע געזונד מיט אַלע גלידער. ווי עס ווינטשט דיר דיין טייערער בעשערטער:

יונה זלמן קלאָפּער...

# געפונען די צענטע מכה

ביי וועלוועלע הערצקעס אין הויז איז יומטוב׳דיק די שטיב איז אויסגעווייסלט. עס איז ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך, דאָס גאַנצע הויז איז אילומינירט, לכבוד דעם גאַסט רעב פסח, וואָס איז געקומען, אויך דער טיש איז געגרייט, איבערגעדעקט מיט אַ שנייוויסן סערוועט, אויפֿן טיש איז אָנגעשטעלט פֿון כל טוב, פֿון וואָס אַ מויל קען נאָר ריידן; וויין, בראָנפֿן, ציבעלעס, אָפּגעקאָכטע אייער, אָבגעבראָטענע זרוע, חרוסת. גרינס פֿון פעטרעשקע, חריין, אויבן־אָן זעט מען אַ שלאָס אויפֿגעבויעט פֿון דריי מצות איינע אויף דער אַנדערע, דערנעבן אויפֿן הסב־בעט. ליגן אָנגעגרייט, די בגדי מלוכה, דער קיטל מיט דער יאַרמילקע, אַלעס ליגט פֿערטיק, נאָר צו דער פּאַראַד.

יאַכנע, זיין ווייב איז אויסגעפוצט אין אירע יומטובדיקע קליידער מיט אַ האַלז־פּערל, אויפֿן קאָפּ אַ הויב מיט סטענגעס. זי איז געשטאַנען ביים פּריפּעטשיק, און האָט געריבן חריין אויף מרור צום סדר, און האָט זיך מיט איר קלאָרן ווייסן פֿארטוך, געווישט שטענדיק די חריין־טרערן.

די טיר האָט זיך געעפֿנט, און וועלוועלע הערצקעס כבוד, איז ערשינען, מיט זיין גאנצער פראַכט און גלאַנץ, די פּיאות זענען געוועזן אויסגעקרייזעלט, די באָרד אויסגעבאַרשט דער קאָלנער פֿון זיין העמד איז געוועזן קלאָר־ווייס, די שטיוול אויסגעגלאַנצט, מיט אַ פֿריילעך פנים, האט ער זיין ווייב יאַכנע אָפּגעגעבן דעם „גוט יומטוב", גוט יומטוב דיר מיין מלכה, — גוט יאָר דיר מיין מלך, — גאָט זאל דיר געבן אַ כשרן און פֿריילעכן פסח — פֿאַר אונז און פֿאַר כל ישראל — ווי מיינסטו וועלוועלע, וועט שוין זיין גענוג צו רייבן חריין?... אָדער זאָל איך נאָך רייבן אַביסל.

— זאָג מיר נאָר יאַכנע, וואָס איז דאָס די מעשה: ווי באַלד עס קומט נאָר צון אַ מצוה, ווערסטו באַלד קאַרג. פֿאַרגעסטו אָן צו

וועגן און צו מעסטן, פֿאַרן גוף האָסטו גארנישט געשוינט... האָסט געבאַקן, געפרעגלט, געקאָכט וויפֿיל דיין הארץ האָט נאָר באַגערט, דו האָסט גאָרנישט געקלערט, אויב ס'איז צופיל, נאָר איצט ביים חריין, ווי עס האַנדעלט זיך וועגן דער נשמה, דאָ ווערסטו שוין קאַרג, פֿאַר־וואָס זאָלסטו דיך נישט באַרעכענען גאָט צו דאנקען, אַז מיר האָ־בען דערלעבט פסח, מיט אַ פריילעך האַרץ, אַז מיר זענען געזונד, יאָ, פֿאַרוואָס זאָלן מיר אים נישט אָפדאַנקען חאָטשע מיט אַ כזית, מרור... זאָל די נשמה אויך הנאה האָבן פֿונם יומטוב...

פֿון דאָזיקן הייסן מוסר, קענען זיך שוין די לעזער, פֿאָרשטע־לן דאָס וועלוועלע הערצקעס, איז נישט געוועזן אַ פשוט'ער ייד, וועלוועלע הערצקעס, האָט געהאַט וועגן מיט פֿערד, אַלע צוויי וואָכן פֿלעגט ער צו פֿאָרן אין דער שטאָט'מ... נאָך סחורה ווייל ער פֿלעג פֿון זיין שטעטל די סוחרים, די קרעמער, צו באַזאָרגן זייער אַלע באַדערפֿענישן...

וועלוועלע איז שוין געוועזן אַ בן ששים, אָבער נאָך געזונד און שטאַרק, ער האָט זיך געהאַלטן אין דער מדרגה פֿון אַ קאָמי־סיאָנער, ס'וואָלט געוועזן אַ גרויסע עולה, און פֿאַר וועלוולען אַ פחיתת הכבוד, ווען מיר זאָלן אים רופֿן מיטן פראָסטן נאָמען „בעל־עגלה”, וועלוועלע איז אויכעט געוועזן דער שטאָט־מבין דער שליסל פֿון אַלע נייעס, וועלכער פֿלעגט אַהיים ברענגען, פֿון דער שטאָט צוזאַמען מיט די סחורות, וועלוועלע איז אויכעט געוועזן אַ מהדר במצות, ווי ער האָט נאָר אויסגעשפאַנט, דאָס פֿערדל, האָט ער זיך באלד אַליין איינגעשפאַנט, צו עבודת הבורא, קורץ אַיעדער האָט אים גערופֿן „רעב וועלוועלע”...

אַ קוק אויף רעב וועלוועלען אין בית־המדרש, וואָלט מען גע־מיינט און געקענט שווערן, אַז דאָס איז אַ רב. עס וואָלט גאָר קיינעם נישט איינגעפֿאַלן, אין די געדאַנקען, אַז דאָס איז אַ ייד, וועלכער בעצים זיין יניקה פֿון פֿערד און וואָגן זיין קיילעכדיק בייכל, זיין ברייטע באָרד, מיט די געקרייזלטע פיאות, און בכלל זיין באַנעמען, האָט איהם געגעבן מער ענלעכקייט צון אַ רב איידער צון אַ בעל־עגלה, ער איז געווען מער מסוגל, צו זיצן אויף אַ כסא של אליהו' אלס סנדק, איידער אויף דער קעלניע, מיט דער בייטש אין דער האַנד, קורץ ווען נישט דער קליינער הסרון, וואָס זיין פֿאָ־טער איז קיין רב געווען, אָדער לכל הפחות אַ סמיכה, וואָלט וועל־וועלע שוין לאַנג, פֿון די באַדימטע רבים געוועזן. דאָס איז גאָר קיין ספק נישט אַז וועלוועלע איז געוועזן, באַשטימט באַשאַפֿן געוואָרן צו ווערן רב.

דער מלאך הממונא על הטפה, האָט גראָד דעמאָלט אויף װעלװולס שלום־מזל געטראָגן צװײ נשמות, אײנע אַ בעל־עגלה׳שע, אָנגעטשע־פּעט אין אַ בײטש, און די צװײטע אַ רבישע אײנגעװיקלט אין אַ שטול, און צו געדעקט מיט אַ סמיכה נאָר װי ס׳איז ידוע, דאָס אַפילו אַ מלאך, קען אױך קײן צװײ שליחות נישט טון, — האָט אין כאַפּעניש, אין אײלעניש דער מלאך די נשמות, פאַרביטן, און צו הרב רעב װעלװועלע, איז אַרײנגעפאַלען די בעל עגלה׳שע נשמה מיט דער בײטש, און יענעם בעל עגלה איז גאָר פונם הימל אַראָפּ־געפאַלן אַ שטרײמל מיט אַ סמיכה, און טאַקע מחמת דאָס איז רעב װעלװול, פאַרבליבן אױך דער זעלבער רב, אפילו זיצנדיק אױף דער קעלניע...

װעלװועלע האָט געזוכט, צו פאַרריכטן דעם חסרון פון תורה, דורך מצות, אין װעלכן ער איז געװען אַ גרױסער זהור, אַם מײסטן, פלעג ער צו זוכן אײביק אַזאַלכע מצװת, װאָס ער האָט שכרן בצידן, װי למשל, לכבוד שבת, פלעגט ער צו זײן אַ מהדר אויף יין חזק, יין רביעית איז געװען דער גרעסטער אין שטאָט, ער פלעג זיך נוהג צו זײן אויסצוטרינקען גאָר ביזן גרונד. װאָס עפּעס אַ רוב כוס, פלעג ער אײביק טעה׳נן, אַ רוב כוס איז מען נאָר יוצא בדיעבד, אָבער לכתחילה מוז מען אויסטרינקען טאַקע דאָס גאַנצע כוס, לחם משנה, פלעג ער שנײדן, בײדע חלות אויפאײנמאָל, ער האָט שטאַרק אָפּגעהיט ר׳ חדקא׳ס סעודה, ער האָט נישט פאַרפעלט קײן סעודת מצוה, פון איעדן סיום פלעג ער ברענגען אַ חלק פאַר זײן װײב יאַכנע אויך, און ער פלעגט איר זאָגן „עס יאַכנע דאָס איז פון אַ סיום”. בײ דער חברה קדושה סעודה, איז ער געװעזן אַ גאַנצער מיוחס, ערב פסח איז ער געװעזן אַ בכור, און ער פלעג טועם צו זײן איעדן סיום, און כאָטשע עס איז אים נישט געלונגען אַרויס צו װײזן לומדות אין שטעטל, האָט ער זיך באַגניגט, מיט דעם װאָס יאַכנע האָט אים אָנגענומען פאַר אַ למדן און כבוד אָפּגעגעבן װי פאַר אַ רב,

קומענדיק פון דער שיל, האָט זיך װעלװועלע גענומען צו דער קערה, דאָ האָט ער אַרויסגעװיזן זײן ידיעה אין תכסיסי מלחמה, ער האָט אויפגעבויעט אַ גאַנצע פעסטונג פון דרײ שמירה־מצה׳ס צו מזרח־זײט האָט ער אָפּגעלאַגערט דעם מרור, רעכטס אַנידער געשטעלט די דאַרע זרוע װי אַ קאַנאָן, לינקס, אָפּגעבראָטן אײ אַנשטאָט אַ באָמבאָ, אינטען, אַ ציבעלע, חרײן, הרוסת...

קדש: װעלװל גיסט אָן אַ פֿול כוס, און מאַכט קידוש מיט אַ ניגון, ער שפּאַרט זיך אָן, אויף דער לינקער זייט, און זאָגט לשם־יחוד און טרינקט אויס דאָס כוס בלגימה אַחת. ס'שפּאַרט זיך א־ם דער אָטעם. אויס די אויגן גיסן זיך טרערן אים. דען על־פּי־טעות, איז געװעזען דער װיין פֿאַרמישט מיט בראָנפֿן. ער טרעסעט זיך אָפּ — אָ, אָ אָט, אָט, איז דאָס יין־חזק, און תוך־כדי־דבור, הייסט ער יאַכנען, אויך אויסטרינקען איר כוס. זי נעמט דאָס כוס, צום מויל און טוט אַ שטאַרקן זיפּ, צון איר שלים־מזל איז איר נאָך אַריין אַ טראָפּ אין דער לינקער קעל, זי האָט אָנגעהויבן צו היסן מיט טרערן — אוי אַ װייטאָג איז מיר, װאָס איז דאָס פֿאַר אַ װיין ?...

לאָז מיך אָפּ װעלװעלע איך קען נישט טרינקען, ניין! — פֿון אַ מצוה שטאַרבט מען נישט! — מאַך דיך נישט נאַריש יאַכנע — טרינק אויס דיין כוס, עס איז יין־חזק, הלואַי איבער אַ־יאָר אין ארץ הקדושה...

ורחץ: װעלװעלע װאַשט זיך די הענד. — כרפּס: װעלװעלע נעמט אַ גרויס ציבעלע און טינקט איין אין זאַלץ װאסער. — יחץ: װעלװעלע האָט איבערגעבראָכן אַ האלבע מצה. און בעהאלטן פֿאַר דעם אפיקומן. — מגיד: יאַכנע האט געפֿרעגט די פֿיר קשיות, און דאַן האט מען זיך גענומען צום „עבדים היינו”. װעלװעלע האָט אַ געשריי געטון „כנגד ארבעה בנים דברה תורה, אחד חכם ואחד רשע, אחד תם, ואחד שאינו יודע לשאול”, הער נאַר װעלװעלע! האָט יאַכנע געפֿרעגט, די זענען די מכות ?... װאָס פלוידערסטו יאַכנע, װייסטו דען נישט, אַז די מכות קומען געדעכט, און די ארבעה בנים, זענען שיטער צװואָרפֿן דו דארפֿאט װיסן, און נישט פֿרעגן, געװענלעך װען איך װעל האלטן, ביי די מכות, װעל איך דיר מסתמא מיטיילן - װאָרן — דאָרט דאַרף מען דאָך טאַקע טינקען. מען האָט זיך גענומען קלאָפּן װייטער. װעלװעלע האָט עפּעס געװוסט, אַז מען דאַרף אויף איין אָרט, רעכענען צוויי װערטער פֿאַר איין מכה... ער האָט אָבער פֿארגעסן אויב דם־צפרדע, איז איינס. אָדער מכות־בכורות װערט גערעכנט פֿאַר איין מכה... װעלװעלע האט אָנגעהויבן צו זאָגן עשר מכות שהביא הקב"ה על המצרים במצרים ואלו הן... יאַכנע טינק און צייל, דם... צפרדע... כנים... — ער האָט געזאגט כסדר ביז בכורות. װאס טוט זיך דא מיט מיר יאכנע ?... איך האב מער נישט געציילט װי ניין מכות! — יאכנע װאס זי האָט נעבעך נאכגעזאגט װארט ביי װאָרט, האט זיך אויך געװונדערט דען זי האט אויך נישט מער געציילט װי ניין מכות.

ווייסטו וואָס יאַכנע לאָזן מיר נאָכאייננמאָל פּראָבירן. אפשר האָבן מיר זיך טועה געווען, איך וועל זאגן, און די יאַכנע צייל אויף די פֿינגער: „דם־צפרדע" האָסטו? — יאָ, דאָס איז איינס, „כנים" האָסטו? יאָ, דאָז איז צוויי „ערוב, דבר" איז דאָ? יאָ, איז שוין פּיר, „שחין" האָסטו? יאָ, איז שוין פֿינף „ברד" „ארבע" איז זיבן „חושך" איז אַכט, „מכות בכורות"... נאָ איז דאָך טאקע־מער נישטאָ ווי ניין מכות!...

גוואַלד יאַכנע, דו ווייסט, אַז דאס איז אַ מיסע מעשה ווו איז אהין געקומען די צענטע מכה? — וועלוול פֿאָלג מיך און מאַך דיר נישט קיין יסורים, לאָז דו מכה זיין אַ כפרה פֿאַר דיר און פֿאַר מיר, אָך! מיט דער מכה, אָדער אָן דער מכה, — וואָלט זי געווען וואָלטן מיר געטינקען זי, און אזוי אַז זי איז נישטאָ. זאָלן מיר דאָ וועגן איר אפשטיין אַ גאַנצע נאַכט?... פֿאָלג מיך וועלוול און זאָג ווייטער...

גוואַלד יאַכנע! דו שפּילסט זיך עפּעס אזוי לייכט מיט אַ מכה? דו מיינסט אַז אַ מכה איז אַ קלייניקייט? מיט וויפּיל וואָכן פֿאר יומטוב ווינשט זיך אַ ייד דעם צווייטן, אַ כשרן יומטוב, נאָ וואָס מיינסטו? דו וועסט שוין האָבן אַ פֿיינעם יומטוב מיט ניין מכות...

יאַכנען. האָט נעבעך געכאַלעשט דאָס האַרץ, עפּעס אַ קליי־ניקייט איז דער ערב פסח ביי די ווייבער, מען האָרעוועט פֿון אינדערפֿרי ביז אויפֿדערנאַכט, פֿון חמץ פֿאַרברענען נישט געהאַט אין מויל. לסוף, אַז מען האַלט שוין נישט ווייט פֿון די קניידלעך, אינמיטן דערינען, נאַ דיר אַז אָקס געבראָכן, אַ ראָד האָט געפּלאַצט באַשר. אַ מכה איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. נאָ איז וואָס?... איז דען אַ הגדה מיט ניין מכות פסול?... —

ווייסטו נאָך וואָס איך וועל דיר זאָגן וועלוול. אפשר ביז מאָרגן צום סדר, וועט גאָט העלפֿן און נאָך צושיקן די צענטע מכה, ווייל מיר זאָגט דאָס האַרץ אַז די מכה איז נאָך נישט פֿאַרפֿאַלן געבליבן, איבעריגנס, מאָרגן וועסטו דיך זען מיטן רב, ער וועט דיר שוין איין עצה געבן.

ביי וועלוולען האָט זיך אָבער דאָס ערשטע כוס צו היצט, און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען. וואָס זאָגסטו מיר עפּעס ביז מאָרגן?... וואָס ווייס איך וואָס מאָרגן וועט מיט מיר זיין?... איך ווייס דאָס, אַז מיין טאַטע מיין זיידע, און מיין עלטער זיידע, האָבן זיך אויסגעלעבט זייערע יאָרן מיט צען מכות... וועל איך זיי נישט

פֿאַרשוואַרצן און אַוועקגיין פֿון דאָזיקן עולם מיט ניין מכות. איך גיי נישט אַוועק פֿון דעם אָרט. ביז די מכה וועט זיך נישט גע־פֿונען ביי מיר! — הערסטו יאַכנע?

יאַכנען האָט דאָס שוין שטאַרק פֿאַרדראָסן. סטאַטש! וואָס וויל ער פֿון מיר האָבן מיט דער מכה?... זאָג נאָר וועלוועלע, וואָס האָסטו דיך אויף מיר אַזוי שטאַרק צוקאַכט. פֿון אונזער חתונה איז שוין בעת, דאָ, פֿערציק יאָר, דו האָסט אַלע יאָר געהאַט דיינע מכות אין גאנצן... נאָ וואס ווילסטו האבן פֿון מיינע יארן, — אדרבא דו ביזט יאָ אַ מאַנסביל, אַ למדן. דו האָסט יאָ אַ הגדה מיט קליינע ווערטלעך פֿון הינטן, קענסטו דיר קיין עצה נישט געבן?...

וועלוולען זענען די דאָזיקע ווערטער אַריין אין דער נאָז, דען עס פֿעלט אים נישט מער ער זאָל פֿאַרלירן דאָס רבנות. ביי זיין ווייב אויך, ער האָט טאַקע פֿאַרקנייטשט דעם שטערן, און ענדלעך איז ער געוואָרן פֿריילעך, „יגעתי מצאתי" — אַז מען זוכט געפֿונט מען.

— הער יאַכנע וואָס איך וועל דיר זאָגן! מיר דאַכט זיך איך האָב די מכה דערטאַפּט, פֿאַר וואָס איך וועל דיר זאָגן, טאַקע איך מיין אַז „ר׳ יהודא" איז אויך אַ מכה, נאָ וואס זאגסטו דערצו?...

— נאָ וועלוועלע... רופֿט זיך אָן יאַכנע, — אויב ר׳ יהודא איז אויך אַ מכה, לאָמיר אים טאַקע אויך טינקען...

---

# אַ מאַראָמורעשער עם־הארץ

גוטמאָרגן ראָף. דאָ ווינט טאַקע דער ראָף זעכרוינע לעהאַלאָכע? איך בין געקומען צון אייך ראָף. איר זאָלט מיר מאַכן אַ בענטוירע. איר קענט דאָך מעך אוואדע?... איך יאָשקע ווערצהייזער. עך בין אַ שיינער באַלבאָס. עך האָב קאַטשקעס און הינער. וואָס זיי לייגן, ווי אין פאָסעק שטייט וואיהי לי צוין איבוקאָר לעראָף. עך בין אין דער שטאָט אַריינגעגאַנגען. האָט מעך באַקעגנט זאָרעך שאַטכן. און האָט מעך געפּרעקט. הויב מיין טאָכטער איז שוין אַ קאַלע? האָב עכעם געענטפֿערט: האַישומער אָכי אָנויכי? פֿון וואַנעט זאָל איך וויסן אויב מיין טאָכטער איז אַ קאַלע! האָט ער מיר אָנגעטראָגן צוויי שעדיכם, אַזוי ווי אין פאָסיק שטייט, „שניי שאָדייך", איינער וואָס איז אַ גאַנצער צאַפּראָ זוראַמשאָ, אין איינער וואָס קען גוט פֿאַרן אָמעט מעספאַלעך זיין, און ביי דער טוירע איז ער אַ גוטער באַלקערי. האָב איך געזאָגט, האָלאַכמאָ אַניאָ,

דאָס איז אַ גוטער שידעך פֿאַר מיין טאָכטער. ס'איז געקומען די צייט, איך האָב געדאַרפֿט מיסטאַלעק זיין, דעם נאַדן, האָב עך מעך דערמאַנט, אַז עס איז מיר געבלעבן, פֿון מיין זיידע אָלאָף האַשאָפּל אַ שטיב נאַכלאָ, האָב עך דאָס פֿאַרקויפֿט, און כ'אָב אים מיסטאַלעק געווען, אין דער יאַט אַראַן. עך האָב מיך מיט עם אויס־גענעמען, אַס ער זאָל מיין טאָכטער מעזאַנע זיין מיט מעזוינעס, צום סאָף איז ער גאָר אַ ציאָנעסט אַן אַפּעקוירעס, נאָ פּאַסט דאָס מיר ?... צו האָבן אַן איידעם אַ קעפּוירעס, — צון אַלע הייליקע זאַכן באַנוצט מען מעך, דאַרפֿמען אַן אַלטע מאָד כאַסענע מאַכן שטיפּטמען מעך !... דאַרפֿטמען רופֿן אין שיל אַריין שעקט מען מעך, נאָ, זאָל עך האָבן אַן איידעם אַ קעפּוירעס ?... ער האָט גאָר גענעמען מיין טאָכטער אינהאָט זי געשלאָגן, אינהאַט פֿיניר אַראַפּ־געריסן די באַלבישים, און זי געלאָסט שטיין, בעגילע אַראָיעס, די מיטער האָט דאָס דערהערט, איז זי געלאָפֿן פֿרעגן פֿאַר וואָס ער האָט דאָס געטון... האָט ער איר נעשריגען, אַלטע כאַוירע !... נאָ ראָף ?... זאָל עך דאָס לאָזן אַזוי !... מיין אַלטע איז יאָ מיין מאַפּקערעס האַבאַיעס...— בין עך געקעמען צון אייך ראָף, איר זאָלט אַך אַריין לייגן אין דער מאַנסע אַראַן, ווען נישט, נאַפּשי קעשירא בענאַפֿשוי. דאָס הייסט: אָבער מיין טויט אָבער זיין טויט, איך וועל אַך פֿאַרדעם ראָף מעשאַלשל זיין אין דער יאַט. עך מוס שוין גאַין ראָף. עך וועל מאָרגן שיקן מיין גייערן, זאָלטאיר אַזוי גוטזיין ראָף און איר מאַכן די בענטוירע...

## הלכות קאָרטנשפּילן — ובו ז׳ סעיפים

(סעיף א׳) הכל אַלע מעגן פֿאַר חנוכה אין קאָרטן שפּילן, אפילו רבנים, שוחטים, חזנים. אין אַז מען זעצט זיך פֿרייטאָג שפּילן און אַז ס'ווערט שפּעט, שפּילט מען אַריין דריי שעה אין שבת, דען עס איז אַזוי דער מנהג, און אַ מנהג ברעכט אַ דין. (הג"ה: און אָפּט ברעכט אַזוי אַ מנהג דעם קאָפּ אויך, ווייל, אַז מען פֿאַרלירט דאָס געלד, בלייבט מען אבל וחפוי ראש).

(סעיף ב׳) מאימתי. פֿון ווען הויבט מען אָן צו שפּילן לכבוד חנוכה? באלד נאָך סכות, עד הפסח. און מען שפּילט אַוועק ביז ערב פּסח. סימן לדבר אַז מען זאָל נישט פֿאַרגעסן, איז ווילאַנג מען זאָגט „משיב הרוח" און די יעניקע, וועלכע פֿאַנגען אָן צו שפּילן, ווען מען הויבט אָן צו זאָגן טל ומטר, איז אַ מנהג עמי

הארצות. ויש נוהגין, אַ טייל זענען זיך נוהג אָנצופאַנגען צו שפּילן ווען מען הויבט אָן צו בלאָזן שופר. און די מהדרים זענען זיך נוהג אָנצוהויבן אין די ניין טעג נאָר זענען זיך נוהג בשעת־שפּילן צו רעדן מיטן איכה־ניגון...

(סעיף ג׳) עס איז מער מצוה אין פרעמדע הייזער כדי ווייב און קינדער זאָלן בעקומען קדחת וואַרטנדיק אינדערהיים, אייניקע מינוטן פאַר בין השמשות זאָל מען זיך זעצן צום שפּילן, און מען זאָל בנשימה אַחת שפּילן ביז דער מאָרגנשטערן גייט אויף. (הג״ה די מהדרים זענען זיך נוהג און שפּילן, ביז זיי זענען עובר קריעת־שמע, ווייל העוסק במצוה, איז פּטור מן המצוה) ומי שתורתן אומנתן, ביי וועמען דאָס קאָרטן שפּילן איז טאַקע אַ געשעפט, איז: זמנן כל היום... דאָס הייסט אַז ער האָט זיך מיט וועמען צו שפּילן...

(סעיף ד׳) עס איז אַ מצוה צו שפּילן אין אַ שענק, ווו ס׳איז פאַראַן בראָנפן און צוצובייסן, און בשעת הדחק מעג מען שפּילן אין פּריוואַט הייזער אויך, הגם פון אַזעלכע הייזער גייט מען אַרויס ווי אַ נשרף, דאָס מאַכט נישט אויס, וואָרן אויף מזונות שרייבט מען אָן אין הימעל ראש־השנה, דאָס האָט אַ קצבה, אָבער קאָרטן געלד האָט קיין קצבה נישט... והאָ ראיה... מיר געפונען מענשן וואָס זענען קאַרג אויפן קרייצער, און אויף קאָרטן צו פאַרד־שפּילן שוינט ער נישט, ווי עס שטייט אין פּסוק „פאַרן רוח געפונט זיך״

(סעיף ה׳) אין קאָרטן שפּילן גייט נישט אָן דער דין פון גניבה גזילה, ווייל „אין איסור חל על איסור״ איבערדעם מעג מען גנבענען ביי קאָרטן, אָדער איבערבייטן, געלד פאַרלייקענען, אפילו צושאַרן יענעמ׳ס געלד איז אויך מותר... ביי קאָרטן־שפּילן גייט נישט אָן דער דין פון „כבוד אָב״ אָבצוגעווינען דעם טאַטן איז נאָך מער הודר־מצוה... אַסאַך זענען זיך גור נוהג, און זאָגן בשעת׳ן שפּילן צו זייער פאָטער: טאַטע די זאָגסט ליגן ווי א הונט...— אין אַ טייל קינדער זאָגן צו זייערע פעטער בזה הלשון: אָט די קאָרט באַגראָבט דיך, אָדער, די קאָרט וועט דיך לייגן אין דער ערד אַריין. דעם טעם פאַרוואָס ביי קאָרטן גייט נישט אָן דער דין פון „כבוד אב״ האב איך געהערט פון השחקן הגדול: ווייל ביי כבוד אָב שטייט אַריכת ימים, און ביי קאָרטן שפּילן איז נישטאָ, קיין אַריכת ימים... וואָרן די צייט לויפט זייער שנעל אַוועק ביים שפּילן...

(סעיף ו׳) אַז מען האָט פאַרשפּילט דאָס גאַנצע געלד, מעג מען איינשטעלן אַ משכון, במה דברים אמורים: אַז דאָס פאַרזעצאַמט איז פאַרמאַכט, אויב ס׳איז אָבער געעפנט, אַפילו אין עק שטאָט — מוז מען אַהין גיין...

(סעיף ז׳) ווייל קיין מלאָכים פאַרשטייען נישט בלשון אַרמי (יידיש), איז מען זיך נוהג אָנצירופן די קאָרטן אויף לשון הקודש, דהיינו: דאַמען, רופט מען בתולה, אָדער נקבות... „טייס״ רופט מען זיתים אָדער בצים, קעניגע רופט מען מלאָכים ממש. און די מהדרים זאָגן אויף פּאַר „פוטש״ — „ויעבור״... ומעשה בר׳ שחקן הגדול... ער איז אויפגעוועזן א גאַנצע נאַכט פון עשרה בטבת, און געשפּילט אין קאָרטן, אויף מאָרגן אין שיל צו סליחות איז ער איינגעדרימלט געוואָרן, און האָט געהאַט עליות נשמה, אַזוי זאָגן די חסידים, און ער האָט דער הערט אַ געשריי פון חזן „ויעבור״... האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געזאָגט אויף דעם קול: וואָס ויעבור?... כ׳האָב דריי זיתים.........

---

# אַ יידישער בעל עגלה און דער וועלט־אונטערגאַנג

אַ יידישער שמייסער, וועלכער דינט ביים יידישן בעל העגלה, קומט אַהיים שבת פון דער שיל, און זאָגט דעם באַלעבאָס „גוט שבת״ „גוט שבת״ ענטפערט אים דער באַלעבאָס, און ברענגט אים שוין אַריין אַ גרויסן טרינק בראָנפן, מיט אַ ציבעלע פלעצל. אוי! באַלעבאָס, מיר שמעקט גאָרנישט... זאָגט דער שמייסער — מיר בעקומט דער קידוש גאָרנישט ווארן איך האָב געהערט דאָס אין אַכצענטן מאַי, וועט זיך די וועלט איבערקערן...

אוי דו נאַר! זאָגט אים דער באַלעבאָס — ביז וואַנען די וועלט וועט זיך איבערקערן, דערווייל קער דו איבער דעם קידוש... און עס עפּעס. דער גאָט וועלכער האָט אונז געהאָלפן, ווען די שקאַפע האט זיך איבערגעקערט, און איז נפטר געוואָרן, וועט אונז פון דאָזיקן איבערקערעניש אויך העלפן!...

באַלעבאָס! — זאָגט נעבעך מיט אַ צעבראָכן האַרץ דער שמייסער, מען זאָגט אָבער, אַז ס׳קומט אַראָפּ אַ שטערן וואָס הייסט „קאָמעט״, און דער האָט אַזאַ לאַנגען שווייף. ווי דער גרעסטער גוטער ייד און דער „קאָמעט״ וועט זיך באַגעגנען מיט דער ערד און ביידע אינאיינעם וועלן אונז צוקוועטשן די נאָז.. און כ׳לעבן טאַקע מיט אַ צעבראָכענע נאָז וועל איך שוין קיינמאל נישט קענען

חתונה האָבן. איר ווילט אפשר, דאָס מיין ווייב זאָל מיך רופן „ראובן דער פּאָנפּאַטש", איר ווייסט יאָ גאַנץ גוט אַז איך האָב מורא פאַר איבערקערן, געדענקט איר ווען דער „אָגער" האָט אונז איבער־געקערט ?...

ראובן ! טרינק נאָר בראָנפן, מאַך קידוש. און איך וויל דיך עפּעס פרעגן זאָג מיר וואָס טוסטו אַז דו דאַרפסט אין אַ שמאָלן טויער אַריינצופאָרן, פאָרסטו אַריין מיט די דישל אין די פענסטער אָדער אין דער טיר אַריין, זאָלסט זיי צוברעכן ?...

חלילה ! — ענטפערט דער שמייסער, נאָך דאָס גייט מיר אָפּ, פון מיינע פיר ריינעש וואס איך פאַרדין ביי אייך, אַ חודש שכירות זאָל איך נאָך באַדאַרפן שויבן און טירן צו בעצאָלן ?... איך היט זיך אַזוי פאַר אַ שויב, און פאַר טירן צוברעכן, פינקט ווי איך היט זיך פאר אַ רבנן־קדיש — געדענקט איר ווען דער שוחט האָט מיך מכבד געווען מיט אַ רבנן־קדיש ? אַ פינסטער יאָר איז אויף מיר געווען דער שוויס האָט אויף מיר אַרויסגעזעצט, אַיעדער טראָפן איז אזוי גרויס געווען ווי אַ ראָד פון אָ וואָגן...

נאָ שוטה ! — זאָגט דער באַלעבאָס — ! דו ביזט ביי מיר נאָר אַ פּאָר יאָר און היטסט זיך פאַר אַ פענסטער און פאַר אַ טיר ווילסט נישט אַריינפאָרן אין אַ שטיב אַריין... איבערהויפּט זיין לי־בער נאָמען וועלכער איז שוין אַזויפיל יאָרן אַ בעל עגלה, ער פירט שוין זעקס טויזנט יאָר דעם וואָגן וואס הייסט וועלט — קלערסטו גאָר אַז ער וועט זיין אַזאַ שלימזאַלניק, און וועט מיט זיין לאָשעק וועלכער הייסט „קאָמעט", אַריינפאָרן און וועט אונז אַלע איבערקע־רן ?... ער קען בעסער פאָרן מיט זיין וואָגן פון דיר — שרעק דיך נישט ראובן, און מאַך קידוש...

ראובן האָט אַדאָפּלטן קידוש געמאַכט, און בעסער דאָס גלעזל איבערגעקערט ווי גאָט די וועלט, און האָט זיך צוגעכאַפּט צום טשאָ־לנט גאָרנישט ווי מיט זיין כח. און האָט זיך גאַנץ בארויקט...

---

# אין דער האַלבער נאַכט.

די גאַנצע וועלט ליגט געשטאָרבן, נאָר איך קען נישט שטאַרבן...

*

אין אַלע גאַסן, אַרום אַלע געשעפטן, און טעמפּלען, זעט מען קיין לעבן, אין דער האַלבעטער נאַכט האָט ס... אויפגעהערט צו אָ־טעמען, די גאַנצע וועלט ליגט געשטאָרבן, די גרויסע עלעקטרישע

לאָמפּען בעלייכטן די וועגן, נאָר פֿאַר די מתים, וועלכע פֿאַרלאָזן זייערע קברים און גייען אַוועק, מיט גאַנצע פּעק חלומות, צו אַלע אַלטע ווייבער און קינדער...

נאָר איך קען נישט שטאַרבן, און קוק אויף די טויטע רו אין דער גאַס, און הויב אָן צו קלערן... וואָס הייסט טויט און וואָס הייסט לעבן...

איז פֿינסטערניש טויט? איז נאַכט לעבן? איז שטילקייט, איינזאַמקייט גלייכגילטיגקייט, טויט? הייסן יענע געשטאָרבן, וועלכע ליגן בעזינדער, אין זייערע הייזער, און שלאָפֿן רויק אין זייערע בעטער, און קומערן זיך נישט וויאַזוי אַלע איבעריקע מענשן, האָבן זיך אויסגעבעט? זענען יענע אָן לעבן וואָס בלאָנדזשען אַרום אין זייערע חלומות און קימערן זיך נישט וואָס דעם צווייטן חלומט זיך?...

איז ליכטיגקייט לעבן? איז כליפּען, גארגלען, פּרייכן, קרעכצן, צייכנס פֿון לעבן? הייסט יענער אַ לעבעדיקער וואָס וואַרפֿט זיך, וואָס צאַפּלט זיך, וואָס ראַנגלט זיך און קען נישט בלייבן גלייכגילטיק צו דער גאַנצער וועלט?... הייסט יענער אַ לעבעדיקער וואָס היט אָפּ יענעמס געצעלט מאַכט פֿאַרן צווייטן אַ ווייעך בעט, וועקט איעדן פֿון האַרטן שלאָף, און דערקלערט איעדן זיין חלום?

אויב די דאָזיקע פֿראַגן, ווערן פֿאַרענטפֿערט מיט אַ שטילן „יאָ" וויל איך וויסן, וואס איז בעסער, לעבן אדער שטאַרבן! דאס בילד פֿון טויט, וואס איך זע איצט אויף דער גאַס, שיינט צו זיין דאָס בילד פֿון גליק, ווייל דאָס בילד פֿון לעבן וואָס איך זע אין מיין שטיבעלע איז אַ פּלאָג, וואָס מאַטערט און שטעכט — איז טאקע טויט אַ נחת?... איז ריכטיק לעבן אַ קראַנקייט? אין אַ לעבעדיקער איז דער קראַנקער?...

איך אליין בין אויך קראַנק, מיינע חברים רופֿט מען קראַנקע מיר זענען אַלע קראַנקע, מיר זענען אַלע קראַנק, ווייל מיר ליידן פֿון איעדער שלעכטער ענדערונג אין פּאָליטישער צייט... מיר זענען קראַנק, ווייל מיר פֿילן פֿרעמדע ווייטאָגן, מיר זענען קראַנק, ווייל מיר שרייען און מאכן אַ געוואַלד ווען מען שינדט דעם צווייטן די הויט, מיר זענען קראַנק ווייל מיר קענען נישט בלייבן גלייכגילטיק, איבערן צווייטנס חסרון: מיר זענען קראַנק, ווייל מיר ברענגען אימבעבעטענע עצות... און מיר זאָגן אויף פּאַלאַסטן, אוצרות בשמים, נחת און גדולה אַז דאס איז נאר אַ חלום...

אָבער, דאָך, מיר לעבן טאַקע, און יענע זענען געשטאָרבן, ווייל אַ נשמה קען נאָר לעבן פֿריי און אין דער גאַנצער וועלט,

שפּאַרט מען זי אָדער איין אין אַ קערפּער, און מען הייסט איר לעבן. נאָר פאַר איר אייגענעם איך, אַזאַ נשמה איז טויט, און ליגט בעג־ראָבן, אין אַ קבר פון פלייש און בלוט...

יאָ, די גאַנצע וועלט ליגט געשטאָרבן, נאָר איך איינער קען נישט שטאַרבן...

עס איז שוין שפּעט נאָך דער האַלבער נאַכט. די מענשן הויבן זיך אָן צו וועקן, די קאָלדרעס וואָס אַלע מענשן האָבן הערשט פון אַ קורצער צייט געהאלטן אַזוי שטייף אַרום זיך, אַזוי נאָענט צום לייב, ווערן איצט אָנאַ רחמנות צו דער ערד געשליידערט, אָדער אַוועקגעשטויסן. דער מענש הויבט אָן צו ערוואַכן, מיט אים ערוואַכן אויך זיינע נאַטורן, די קאָלדרע באַנוצט ער ביינאַכט, די ציטראָנע ביי טאָג, און זיינע מיט־מענשן באַנוצט ער אין זיין גאַנץ לעבן, אַזוילאַנג אַז דער מענש קען פון עפּעס, אָדער פון וועמען באַציען זיינע נוצן. אַזוי לאַנג אַז ער קען זיך דערפון וואַרעמען, זעטיגן שפּילן, קילן לערנען, אָדער רייך ווערן, דרוקט ער עס צו צום האַרצן, און לאָזט עס נישט אָפּ פון זיין לייב, אָבער קוים האָט ער די זאַפט אויסגעזויגן, די וואַרעמקייט אויסגעשעפּט, און די פריינדשאַפט אויס־גענוצט, אַזוי וואַרפט ער עס דערנאָך אַוועק מיט פאַראַכטונג און געלעכטער... ——

אין דער נאַכט ווערט אַלץ שוואַכער, פאַר דער בלייכער ליכ־טיקייט וואָס דער מאָרגן שיקט פאָרויס. געשעפטן עפענען שוין זייערע טירן, די מאַרקן קלויבן צוזאַם זייערע סוחרים, פאַבריקן רופן צונויף זייערע שקלאַפן, אַלע געוועזענע מתים פון דער נאַכט, לעבן אויף. און קומען צוזאַמען, כדי איינער דעם אַנדערן צו עסן, איינער דעם אַנדערן צו ציפּען די נעזער, און צו פאַרשפּרייטן די געפערליכע באַצילן וואָס זיי באַזיצן אין זייער צינג, אין זייערע אויגן אין זיי־ערע הענד, און אין זייערע הערצער...

זיי אַלע גייען אַרום פראַנק און פריי. נאָר איך איינער בין קראַנק. איך זיץ אין מיין שטיבל, צוגעדריקט צו אַ הינקענדיק שרייב־טישל, און בין צוגעשמידט צון אַ צובראָכן בענקל, אַ זייגער קלאַפּט מיר אין מיין אויער, דאָס קינד קוויטשעט מיר אין צווייטן אויער, דאָס אייוועלע רייכערט מיר אונטער די נאָז. אין אַ ווינט פון די גרויע גאַסן פייפט מיר אַריין אין די צעריסענע שיך.

יאָ! איך בין קראַנק, ווייל איך פּראָטעסטיר קעגן די אומרעכטן ווייל איך שריי הויעך, איך בין קיין היפּאָקריט, ווייל איך וואָרן און באַגרינדפעסטיק מיינע ווערטער אויף פאַקטן! איך בין קראַנק

ווייל איך זאָג אויס דעם אמת אין די שפּאַלטן פֿון מיין צייטונג, איך בין קראַנק ווייל איך קען צום עולם רעדן און עס פּעסט ביי מיר האַלטן ביזן ענדיגן מיין גאַנץ אויפּרעכטיקע מיינונג... איך בין קראַנק ווייל איך בין איינער אַליין אין מיין סביבה... —

# הומאָר

קאָנדוקטאָר: הער, שטייגן זי איין, דער צוג גייט גלייך אָפּ.

פּאַסאַזשער: אָבער איך מוז מיין פרוי, נאָך אַ קיש געבן.

קאָנדוקטאָר: שטייגן זי נאָר איין... איך וועל דאָס שוין באַזאָרגן...

*

מען האָט געפרעגט אַ חכם, ווער איז מער געערט; די חכמים אָדער די רייכע? — „די חכמים" האָט ער געענטפערט, נאָ פּאַרוואָס גייען די חכמים צו די רייכע יאָ, און די רייכע צו די חכמים נישט?... האָט דער חכם געענטפערט — ווייל דער שטייגער איז אז דער „רופא" גייט צום „חולה"...

*

דער ריכטער: ווי קען דאָס זיין, אַז זי האָבן די סחורה, אַ־וועקגעגאַנוועט און דעם געלדקאַסטן האָבן זי דאָרט געלאָזט?

אָנגעקלאָגטער: איך ביטע הער ריכטער, ווייניקסטנס סעקירן זי מיך אויך נישט, איך בעדויער גענוג דאָס נאַרישקייט, וואָס איך האב געמאַכט, מיין ווייב האָט מיך אויך איבערדעם גוט צוזאַמענגעשאָלטן!

*

חייקל: זעסטו מייקל, מען פאַרקויפט דאָך ביי אונז אין שטאָט לעבעדיקע פיש.

מייקל: ביזט אַ שוטה! דאָס זענען אַזוינע פיש, וועלכע זענען שוין אויפגעשטאַנען תחית־המתים...

*

הער: פריילאַן איך ליב זי אַזוי הייס, אַזוי הערצלעך...

פריילאן: (וועלכע האָט געהאַט צוואָנציק טויזנט גילדן ירושה) אָבער מיינע ליבע באַזיצט שוין אַן אַנדערער...

הער: נאָ, פאַר מיר וועט גענוג זיין דאָס איבעריקע...

*

חייקל: מייקל ברידער באָרג מיר אויס צען גילדן.

מייקל: צוואָס טויג דיר צען גילדן?

חייקל: עס טרעפט זיך מיר עפעס צו קויפן, ביי וועלכן איך וועל זעכער געווינען פינף גילדן.

מייקל: ווייסט איר וואָס חייקל, איך שענק אייך פינף גילדן, אַזוי וועט איר די פינף געווינען — און איך אויך פינף —

*

חייקל: זאָג מייקל פֿאַרוואס ביזטו אַזוי שטאַרק בעזאָרגט און זיפֿצסט שטענדיג?

מייקל: ווייל מיין ווייב לא עליכם איז נישט בקו הבריאָה.

חייקל: וועלכער דאָקטער גייט צון איר?

מייקל: דער דאָקטער מאַרגאָליעס.

חייקל: אַגוטער דאָקטער כלעבן, ער האָט מיין ווייב עליה השלום אויך קורירט...

*

חתן: מיטן דאָזיקן קיש מיין טייערע, האָב איך דיר אַלעס געזאָגט.

כלה: איך האָב עס נישט גוט פֿאַרשטאַנען, ביטע זאָג עס מיר נאָכאַמאָל...

*

פֿאָטער: מעגסט זיך שעמען דוד'ל אַזוילאַנג צו ליגן, הייב זיך שוין אויף פֿון דיין געלעגער. די זין איז שוין פֿונלאַנג אויפֿ־געגאַנגען...

זון: וואָס גלייכסטו מיך פֿאָטער לעבן צו דער זין? די זין האָט זיך נעכטן געלייגט פֿאַרנאַכט. האָט זי געקענט אויפֿשטיין. איך האָב זיך יאָ שפּעטער געלייגט...

*

טאָכטער: פֿאַרוואָס זאָגסטו מאַמע איך זאל חתונה האָבן מיטן הער „געלד זאַק”? איך האַס אים, איך פֿעראַכט אים, איך קען אים נישט ליידען...

מוטער: שאַ שאַ, מיין קינד, דו דאַרפֿסט אים דאָס נישט זאָגן ביז נאָך דער חתונה...

*

חייקל: מייקל, זאָג מיר איך בעט דיך, פֿאַרוואָס האָט דער עולם חתונה אין ראש־חודש־אלול?

מייקל: כדי זיי זאָלן ראש־השנה קענען תשובה טון, אויף דעם נאַרישקייט וואָס זיי זענען בעגאנגען...

*

חייקל: וואָס טוען די ווייבער ווען זיי קומען אַהיים פֿון די בעדער?

מייקל: זיי פֿערלאַטען זייערע מענערס צעריסענע טאַשן...

*

תנחם: זאג זרח, אויס וואס מאכט מען געלד?

זרח: אויס לופט!

תנחם: פונוואנען ווייסטו?

זרח: ווי הייסט פונוואנען איך ווייס? ווייל איך זע ווער ס'־באקומט זיך צו אביסל געלד אפילו ווערט ער שוין באלד אויפ־געבלאזן.

*

חייקל: וואס טיסטו דא, מייקל?

מייקל: איך בין געקומען זוכן עפעס א גוט געשעפט.

חייקל: אויב דו ווילסט טרעפן א גוט געשעפט, וועל איך דיר א גוטע עצה געבן.

מייקל: נא, אדרבא...

חייקל: פארשטייסטו מייקל: היינט ליגן אלע גוטע געשעפטן אין דערערד, נא אז די ווילסט א גוט געשעפט מוזטו גיין אין דער ערד אריין...

*

מייקל: (דעם פארשמירטן הוט אין זיין האנד האלטנדיק) ס'איז מיר א גרויס ווונדער חייקל, זע נאר דער הוט איז שוין אפשר א יאר נישט געפיטערט און ווערט דאך יעדן טאג פעטער...

*

חייקל: דער עולם זאגט אז א הארץ איז א זייגער. פונדעסט־וועגן דאכט זיך מיר אז רעב שמערל דער וווכערער, וועט דיר אויף דיין הארץ קיין באני געבן...

מייקל: ער וואלט שוין יא געגעבן, נאר דער פעלער איז דאס, ווייל א וווכערער האט קיין הארץ נישט, און איז איבערדעם קיין מבין נישט אויף דעם ארטיקל...

*

תנחם: זאג זרח ברודער פאר וואס טרינקסטו אזויפיל, ווי־קומט צו דיר אזא גרויסע דורשט?

זרח: ווייל מיין ווייב מירעלע וויל, אז איך זאל זי שטענדיג גלעטן, און לעקן, — און דו ווייסט יא, אז מיין ווייב מירעלע, זעט שוין פשוט אויס ווי א הערינג...

*

א יינגער מאן איז געגאנגען אין דער שלאכט. ביים געזעגע־נען זאגט ער צום פאטער: דו וועסט זען ליבער פאטער, ווען איך וועל צוריק אהיים קומען, ברענג איך דיר מיט, א קאפ פונם

פֿיינד! — איך וועל זיך געגוג פֿרייען, ענטפֿערט אים דער פֿאטער, ווען דו וועסט אָנאַ קאפּ אַהיים קומען, אַבי נאָר געזונד...

*

חייקל: פֿאַרוואָס גלויבט נישט אַ דאָקטער אין תחית־המתים?

חייקל: ווייל אַ דאקטער איז איבערצייגט, אַז אפילו אַ קראַנקער קען נישט אויפֿשטיין מכל־שכן אַ טויטער אוודאי נישט...

*

חייקל: זאָג מיר מייקל זאָלסט לעבן, פֿאַרוואָס איז אויס לוט'ס ווייב געוואָרן זאַלץ, פֿאַרוואָס נישט צוקער?

מייקל: ווייל עס איז פֿאַראַן אַ טייל ביי דער פֿרוי, דאָס קען קיינמאָל נישט זיס ווערן...

*

חייקל: הער נאָר מייקל! אַז דו וועסט אַמאָל טרעפֿן גיין אַ דאָקטער פֿון מעדיצין מיט אַן אַדוואָקאַט צוזאַם, אָרעם־געשלאָסן, שפּאַצירן גיין זאָלסטו אַנטלויפֿן ווי פֿון פֿעלד־גזלנים!

מייקל: פֿאַרוואָס?

חייקל: ווייל איינער האָט ליב אַוועקצונעמען דאָס געלד, און דער צווייטער דאָס לעבן.

*

חייקל: זאָג מייקל זאָלסט מיר לעבן, וועמען איז בעסער, אַ מלמד אָדער אַ האָלץ־העקער?

מייקל: אוודאי אַ האָלץ־העקער, ווייל צון אַ האָלץ־העקער, אַז ס'קומט צו אים צו נאָך אַ גוי, ווערט אים גרינגער, אָבער אַ מלמד, אַז ס'קומט צו אים צו נאָך אַ גוי ווערט אים שווערער...

*

חייקל: וואָס איז דאָס, די מאָדע?

מייקל: די מאָדע איז אַ גן־עדן פֿאַר די אויגן אַ גיהנום פֿאַר דער נשמה און אַ לאָך פֿאַר דער קעשענע...

*

חייקל: ווייסטו מייקל, איך האָב זיך געמאַכט אַ געוועלבל, און ס'קאָסט מיך גור קיין געלד נישט.

מייקל: ווי הייסט? ווער גיט דען היינט סחורה אימזוסט?

חייקל: גאָר־פשוט, פֿייגן קען איך מאַכן מיט די פֿינגער, וואָרצלען, האָב איך אויף דער נאָז, גערשטלעך אויף די אויגן, ניס אין די האָר...

*

קינד: טאַטע, דו ווייסט, אַז אַיעדן טאָג נאַר איך אָפּ גאָט־
פּאָטער: וויאַזוי מיין קינד?
קינד: דו האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז מען גייט אין שיל אַריין, באַצאָלט גאָט פאַר אַיעדן טריט, מאַך איך קליינע טריט כדי איך זאָל האָבן מער...

*

חייקל: זאָג מייקל, וואָס איז דער אונטערשיד, צווישן אַ יידישן בעאַמטן, און אַ לופט־באַלאָן?
מייקל: אַ לופט־באַלאָן, אויב ער קערט זיך איבער, פאַלט ער אַראָפּ, און אַ יידישער בעאַמטער, אַז ער קערט זיך איבער גייט ער אַרויף...

*

חייקל: פאַרוואָס רופט מען די ערד בלשון נקבה?
מייקל: ווייל מיר ווייסן נאָך נישט ווי אַלט זי איז, אזוי ווי מיר ווייסן נישט די עלטער פון אַ יעדער נקבה...

*

פריילאַן: מיין הער! זי האָבן זיך איבער מיר גאָר לוסטיג געמאַכט, אַנשטאַט אַ ליבעס־בריוו, האָט איר מיר גאָר אַ ליידיקן בויגן פאַפּיר געשיקט.
קאַוואַליער: דאָס באַווייזט, אַז מיין ליבע צו אייך איז אונבאַשרייבלעך...

*

אַ יינגל האָט דעם פסח צום סדר געפרעגט דעם פאָטער פיר קשיות, און ווי דאָס יינגל האָט געזאָגט שבכל הלילות אָנו אוכלים חמץ ומצה „אַז מיר ווילן עסן מיר חמץ, און אַז מיר ווילן עסן מיר מצה" האָט דער פאָטער מיט צאָרן אַ געשריי געטאָן. יינגאַטש! וואָס זאָגסטו אין פסח אַ ליגן, אַ גאַנץ יאָר, אַז מיר ווילן עסן מיר חמץ, זאָג וויפיל מאָל האָבן מיר געוואָלט עסן חמץ, נאָר עס איז נעבעך נישט געווען!...

*

זרח: איך זאָג דיר שמערל, אַ גנב פאַרשטייט מער, ווי אַ דאָקטער פון מעדיצין, ווי אַן אַרצט מיין איך.
שמערל: פאַרוואָס?
זרח: ווייל דער גנב ווייסט אינווייניקסטנס, ווען ער גייט אַוועק וואָס יענעם פעלט...

*

חייקל : פּאַרוואָס גייט דיין ווייב מיט צעשלאָגענע אויגן :

מייקל : איך האָב זיי געצייכנט, כדי זי זאָל זיי מיט אנדערע נישט טוישן...

קינד : טאַטע ! רייזל קישט זיך מיט משה׳ן.

פֿאָטער : זיי מעגן. ווייל זיי זענען חתן כלה.

קינד : און דו טאַטע ביזט מיט דער דינסט, אויך חתן כלה ?...

*

ווייב : ליבער מאַן, איך בעט דיך דו זאָלסט נעמען דעם ער־ציער צו אונז אין הויז, ווייל ער לערנט זייער גוט מיט די קינדער.

מאַן : צו וואָס טויג אונז איין ערציער, מיר האָבן יאָ קיינע קינדער ?

ווייב : נעם נאָר צו דעם ערציער קודם, די קינדער וועלן שוין שפּעטער נאָך קומען...

*

חייקל : הער נאָר מייקל די גמרא זאָגט אַז גאָט הייסט באָרגן אויף זיין רעכנונג, ווען עס פּעלט אויף שבת, נאָ וועסטו מיר באָרגן ?

מייקל : ברענג מיר נאָר די גמרא, וועל איך דיר באָרגן...

*

חייקל : פּאַרוואָס מוז אַ חזן על פּי דין האָבן אַ ווייב ?

מייקל : ווייל אַ חזן ווען ער שטעט פֿאַרן עמוד, בעדאַרף ער האבן אַ צעבראָכן הארץ, און אַ צעבראָכן האַרץ באַקומט מען דורך אַ ווייב זייער גיך...

*

חייקל : שלום עליכם מייקל ! ווו ביזטו געוועזן מייקל ? איך האב דיך נישט געזען.

מייקל : איך קום פון דער אויסשטעלונג.

חייקל : וואָס פֿאַראַ אויסשטעלונג איז דען געווען.

מייקל : ווי הייסט, דו ווייסט דען נישט ? מיין הויז באַלבאָס האָט מיך מיט מיינע הויז־זאַכן אַרויסגעשטעלט פון דער דירה...

*

דאָקטער : איך האָב געהערט, אַז אַ מאַן וואָס ווינט דאָ האָט זיך צעבראָכן אַ פּיס.

שכן : יאָ דער מאַן איז טאַקע מיינער אַ ברידער, איר זענט אַ טישלער :

דאָקטער: אַ טישלער? ניין, איך בין אַ דאָקטער.

שכן: סטוט מיר זייער לייד, זיין פּיס איז אָבער אַ הילצערנער...

*

רייכער חולה: נאָ הער דאָקטער, איצט זע איך אַז ס׳הייבט מיר שוין אָן בעסער צו ווערן.

דאָקטער: אין וואָס זעט איר דאָס?

ווייל אַלע מיינע זין און איידעמער, גייען ארום מיט טרויריקע דערשלאָגענע פּנימער...

*

גאַסט: קעלנער! ברענגען זי מיר צום פלייש עפּעס זויערס.

קעלנער: אַז איר האָט ליב שטאַרק זויער, וועל איך אייך, אַריינברענגען די רעכנונג...

*

גיטעלע: זאָג זיסעלע ביזט שוין לאַנג אַ כלה?

זיסעלע: יאָ שוין צוויי יאָר, ביז הונדערט יאָר.

*

חייקל: ווען רוסטו דיך אויס מייקל?

מייקל: ווען מיין פלונית׳טע שלאָפט.

*

חייקל: ווי מען טרעפט אַ צורר ישראל שרייט ער אַז ביי יידן איז דאָס גאַנצע געלד.

מייקל: איך בנאמנות פיל דאָס נישט.

חייקל: איך אויך נישט, נאָר אַז מען וועט אַמאָל האַלטן ביי קלעפּ דעמאָלט וועלן מיר שוין אויך פילן...

*

חייקל: וואָס מאַכסטו עפּעס מייקל ברידער?

מייקל: דאָס וועל איך דיר נישט זאָגן.

חייקל: פאַרוואָס?

מייקל: ווייל דערצייל היינט, אַ גוטן ברודער וואָס דו מאַכסט וועט ער דיר באַלד נאָכמאַכן.

חייקל: איך מיין יאָ נישט, וואָס פאַר אַ געשעפט די מאַכסט, איך מיין פראָסט, ווי ס׳גייט דיר.

מייקל: דאָס טאָר מען זיכער נישט זאָגן.

חייקל: פאַרוואָס?

מייקל: דען, זאָג אַ גוטן ברודער, אַז ס׳גייט דיר שלעכט, וועט

אַז דיר קאַליע מאַכן דעם קרעדיט, זאָג אים ווידער אַז ס׳גייט דיר גוט, וועט ער גלייך בעטן אַ גמילות חסד...

*

חייקל: איך וועט געוואָלט וויסן מייקל ברודער, אייגענטלעך ווי־אַזוי זענען געמאַכט געוואָרן די היינטמאָדישע פּריילאַנס?

מייקל: ווי הייסט! דאָס ווייסטו אויך נישט? מען האָט גענומען צען פונט וואַטע, צוועלף פונט ביינער, אַ האַלב פונט פּידער, איין אונץ קאַרמין, צוועלף מעטער זיידנשטאָף, אַ רייף, צוויי שטרויזעק, צוועלף מעטער לייוונד, צוויי פונט לאַנגע האָר, פיר אין צוואַנציק ציין, רעגנ־שירם, עטלעכע פעדערן, און פינף און צוואַנציק פראַנצויזישע ווערטער, און דאָס אַלעס צוזאַם האָט מען אויסגעמישט, נאָכדעם איז ארויסגעקו־מען אַ היינטמאָדישע פריילע...

*

ווייב: זאָג מיין טייערער מאַן, פאַרוואָס האָסטו מיך אַלס כלה אַ־סאַך ליבער געהאַט ווי איצט נאָך דער חתונה?

מאַן: ווייל דעמאָלט האָב איך דיך געמעגט ליב האָבן ווייל די האָסט נאָך קיין מאַן געהאַט...

*

חייקל: וואָס דאַרף אַלץ אַ רעדאַקטער קענען?

מייקל: דריי זאַכן, דאָס ערשטע שווייגן, דאָס צווייטע נישט רע־דן, דאָס דריטע, דאָס מויל האַלטן...

*

הייקל: איך זאָג דיר מייקל, עס גיבט קיין בעסערע זאַך אין דער וועלט ווי אַ גלעזל ביר.

מייקל: עס גיבט נאָך אַ בעסערע זאַך.

חייקל: וואָס איז דאָס?

מייקל: אַ גאַנץ פעסל...

תנחם: זאג זרח זאָלסט מיר לעבן, וואָס איז דער יצר הרע, אַ חסיד אָדער אַ מתנגד?

זרח: זעכער אַ חסיד...

תנחם: פונוואנען ווייסטו דאָס?

זרח: ווייל איך זע אים אָפט ביים רבי׳ן...

*

חייקל: וואס פאַראַ צימער מאָלט זיך אַליין?

מייקל: אַ פרויענצימער —

חייקל: זאָג מיר איך בעט דיך, מייקל וואָס איז ביי דיר חשובער דאָס ווייב, אָבער דאָס אייזל?

מייקל: אַ שיינע שאלה אַוודאי דאס אייזל.

חייקל: פאַרוואָס מייקל?

מייקל: טאַקע פּאַרדעס, וואָרן ווען דאָס ערשטע ווייב איז מיר געשטאָרבן, איך בין נאָך געזעסן אין דער שבעה, האט מען מיר שוין צען אַנדערע ווייבער אָנגעטראָגען — דאָס אייזל איז מיר איינמאָל אַ־הינגעקומען, עס איז שוין אפילו געווען נאָך די שלושים האָט מיר אויך קיינער קיין אַנדער אייזל אָנגעטראָגן...

*

חייקל: וועלכע איז בעסער, דאָס ערשטע אָדער דאָס צווייטע ווייב?

מייקל: די דריטע...

*

בעטלער: שענקט מיר עפּעס אַ קליינע נדבה; ווייל איך בין הונגעריג!

הער: אָבער פאַרוואָס אַרבעט איר נישט?

בעטלער: איך האָב פּראָבירט צו אַרבעטן, בין איך הונגעריגער געוואָרן...

*

באַלעבאָסטע: זעסטו שפּרינצע, דער היינטיקער בראָטן איז ווידער פאַרברענט, — איך זאָג דיר אַז מיט אַ יעדן טאָג, געפעלסטו מיר אַלץ וויניקער.

קעכן: ס'איז יאָ אָנמעגלעך אַיעדן צופרידן צושטעלן — דער באַלעבאָס זאָגט, אַז מיט אַיעדן טאָג געפעל איך אים אַלץ מער.

*

חייקל: ווער איז דער בעסטער דאָקטער אויף דער וועלט?

מייקל: דער מלאך־המות!

חייקל: פאַרוואָס?

מייקל: ווייל ער קורירט אויס נאָר מיט איין וויזיט.

*

חייקל: וועלכן חסרון, געפונען מיר ביי אַיעדער הייראַט?

מייקל: דעם „הרי־את״!...

*

פאָטער: זאָג מיין זון, וואָס איז וויכטיקער, די זון אָדער די לבנה?

זון: די לבנה!

פאָטער: פאַרוואָס?

זון : ווייל די לבנה לייכט ביינאכט ווען ס׳איז פינסטער, די זון שיינט ביי טאָג, דעמאָלט איז דאָך סיי ווי סיי ליכטיק...

*

אַ ווונטש פון אַ שכור : איך וואָלט ליב געהאט צו זיין אַ ציפּער בלאַט פון אַ טאַשנזייגער — דעמאָלט וואָלט איך תמיד פאַר מיר געהאַט אַ גלעזל...

*

חייקל : פאַרוואָס זאָגט מען, אַז אחשוורוש איז געווען אַ מלך טיפּש ?

מייקל : ווייל ער האָט זיך נישט געפירט ווי אַ קלוגער, אַ גאַנצן טאָג איז ער געלעגן שכור, און ביינאַכט „עסטער" (אסתר)...

*

שפּרינצע : פאַרוואָס עסטו נישט פעסעלע ?

פעסעלע : ווייל איך האָב קיין אַפּעטיט, דען איך האָב הערשט נישט-לאַנג מיין מאַן געגעסן...

*

חייקל : וואָסאַראַ ירושה האָט דיין שוויגער פאַר דיין ווייב איבערגעלאָזט

מייקל : איר בייזע צינג.

*

חייקל : פונוואַנען ווייסט מען, אַז אחשוורוש האָט געגעסן אָן נטילת ידים ?

מייקל : ווייל ער האָט געזאָגט צו זיין ווייב „וושטי," — און ער האָט זיך נישט געוואַשן.

*

ווייב : אַ שלאַק זאָל טרעפן דעם פליישהאַקער, דאָס ערגסטע שטיק פלייש, האָט ער מיר אָנגעהאָנגען !...

מאַן : און דער אייגענער שלאַק מעג טרעפן דיין טאַטן, ווייל ער האָט מיט מיר אויך דאָסזעלבע געטון...

*

דינסטמיידל : וועמען זוכט איר דאָ ?

פּאַציענט : איך זוך דעם דאָקטער, וואָס רייסט ציין.

דינסטמיידל : ניין ליבער ייד, איר האָט אַ טעות, דאָ רייסט מען די הויט, ווייל דאָ וואוינט אַ וווכערער, אין צווייטן הויז, וווינט אַ צייןאַרץ.

מאַן: זאָגט מיין ווייב, איז נישט אַן עבירה אויסצוגעבן, פערציק קראָנען פאַר אַ הוט?

פרוי: דו זאָלסט זיך נישט שרעקן פאַר דער עבירה — איך נעם זי אויף מיין קאָפּ...

*

קינד: זאָג מיר טאַטע, מיר לעגן מרור צום סדר, וועגן אָנדענק אַז די מצריים האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן פון אונזערע עלטערן, חרוסת, איז אַן אָנדענק צום ליים, וואָס אונזערע עלטערן האָבן געקנעטן אין מצרים, — נאָ, פאַרוואָס לייגן מיר נישט צום סדר אַ בייטל געלד, אויך צום אָנדענקען, אַז אונזערע עלטערן, האָבן אַרויסגעפירט פון מצרים אַ גרויס עשירות!?...

פאָטער: פאַרשטייסטו מיין קינד, ווייל פון דאָזיקן פאַרמעגן איז אונז גאָרנישט געבליבן, אָבער מרור איז אונז געבליבן — ווייסט גאָט אויף ווילאַנג נאָך!...

תנחם: איך זאָג דיר זרח, אַז אַיעדער וואָס טשעפעט מיט קהל, אָדער מיט אַ רב, דער ווערט אַ חזן.

זרח: ווי הייסט דאָס?

תנחם: וואָס פאַרשטייסטו נישט? מען גיט אים דערנאָך צו זינגען און צו זאָגן...

תנחם: איך האָב בדיעה מיין ווייב צו פאַרזעכערן.

זרח: צו וואָס?

תנחם: איך מיין דורך איר אַ נגיד צו ווערן, ווייל ווען איך רעד נאָר מיט איר איין וואָרט, צינדט זי זיך באַלד אָן, און הויבט אָן צו ברענען.

חייקל: אוי האָט גימפרעך אַ הופשע צינג!

מייקל: אַזוי? מסתמה, איז ער אַ גרויסער רעדנער.

חייקל: דאָס גראַדע נישט, נאָר אַ גוטער טעלער-לעקער.

*

חייקל: איינער האָט אויסגעקלערט אַ מאַשין וואָס קען ריידן.

מייקל: האַלעוויי וואָלט מען שוין אויסגעקלערט אַזאַ מאַשין וואָס זאָל אָפּנעמען דאָס לשון וועט איך באַלד איינע פאַר מיין יידענע געקויפט...

*

תנחם: זאָג זרח ברודער דו ביזט דאָך אַ חכם, פאַרוואָס האָט מען געמאַכט פאַרן רוסישן קייזער אַזאַ טייערן ארון?

זרח: ווייל זיין טויט האָט אַ גרויסן ווערט!

*

איינער אַ באַרימטער מגיד, איז אַמאָל אַריין אין אַ שטיב, און דאָרטן זענען געזעסן חברה כת־לצנים, זיי האָבן געוואָלט, אויס אים חוזק מאַכן, האָבן זיי אים געפרעגט, פאַרוואָס די עשרה מכות איז אין דער הגדה, זאָלן זיי זיין ליבער, אין „ויתן לך״ — פאַרשטייט איר האָט דער מגיד געענטפערט — אַז עס זאָל שטיין און „ויתן לך״ וואָלט מער נישט געווען נאָר איין „ויתן לך״ — אָבער אין דער הגדה, איז דאָ: לך, ולך, כי לך, אַף לך, און האָט מיט זיין האַנד געוויזן אויף איעדן באַזונדער.

*

חייקל: וואָס לויפסטו אַזוי שנעל, מייקל?

מייקל: די קעכן איז אַוועק געגאַנגען.

חייקל: איך מוז אויך שנעל אהיים לויפן, ווייל מיין ווייב איז אַוועק געגאַנגען שפּאַצירן און די קעכן איז גאָר אַליין...

*

חייקל: וואָס אַ חילוק איז פון אַ שוחט צון אַ רב?

מייקל: ס'איז אַ גרויסער חילוק, דער שוחט שעכט אָקסן, דער רב שעכט שוחטים.

*

חייקל: ביי מיר זענען די יידישע רעדאַקטאָרן און די יידישע פּאָעטן די פרומסטע יידן.

מייקל: פאַרוואָס?

חייקל: ווייל דאָס גרעסטע טייל פון יאָר גייט ביי זיי אַוועק אין תענית...

*

חייקל: זאָג מייקל וואָס האָט דיך געקאָסט דער ראָק?

מייקל: צוויי מאָנאַט קרימינאַל.

*

שדכן: הער אָקסנקאָפּ, איך האָב זייער אַ גוטן שידוך פאַר אייער בתולה.

אָקסנקאָפּ: זי אָנפאַרשעמטער מענש, וויסן זי דען נישט, אַז מיין טאָכטער הייסט נישט בתולה! זאָנדערן מאַמזל אָדער פריילאַן.

שדכן: ענטשולדיקן זי מיר מיין הער, איך האָב נישט געוווסט אַז אייער מאַמזל, אָדער פריילאַן איז שוין נישט מער קיין בתולה!...

*

אדם הראשון ווי ער האָט שכל בעקומען, און האָט באַמערקט, אַז ער איז נאַקעט, איז ער באַלד נאָך אַ שירצל געלאָפן, איז דאָס טאַקע

פֿאַר די מענער בירושה געבליבן, אַז זיי האָבן גערן נאָך צו לויפן — אַ זיי זעען אַ שירצל...

# תיקון טעות

| זייט | שורה | טעות | תיקון | זייט | שורה | טעות | תיקון |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 3 | 5 | וועלכע גייט | וועלכע גייט | 49 | 4 | אין | און |
| | | נאך אַלץ אין | נאך אַלץ דאָ | | 12 | און | אין |
| | | איהרע קינ־ | אין טראנסיל־ | 51 | 27 | אין ווינדערט | און וווּנדערט |
| | | דערשיכלעך | וואַניע אין | 52 | 6 | און | אין |
| | | | איהרע קינ־ | | 23 | דאָס חלוצה | דאס חלוצה |
| | | | דערשיכלעך | | | אויך | ברעט אויך |
| 26 | 2 | ווערט־ | ווערט־ | 53 | 3 | מוֹעל | מיעל |
| | | פארפירען | פאַפּיערען | ״ | 4 | אין | און |
| 32 | 26 | יינגט | ייגנט | 55 | 1 | הומוריסטישע | הומאָריסטישע |
| 33 | 25 | מענשין : קינ־ | מענשין־קינ־ | 56 | 1 | פויגל | פויגל |
| | | דער | דער | ״ | 4 | און אונזער | אין אונזער |
| ״ | 26 | צומער | צימער | | | געגנט | געגנט |
| ״ | 29 | און | אין | 57 | 23 | און קאַמער | אין קימער |
| ״ | 32 | אומכאַפלעגט | אומבאַפלעגט | ״ | 2 | פויגעל | פויגל |
| 35 | 1 | פריינדשאַפט | פריינטשאַפט | ״ | 3 | געטראגען | געטראגן |
| ״ | 19 | לאָזט | לעזט | ״ | 4 | איך פלו | איך פלי |
| 37 | 20 | איז | אין | ״ | 15 | און זיין | אין זיין |
| 38 | 9 | געדולט | געדולד | ״ | 23 | אוועק און | אַוועק אין |
| 39 | 18 | זינקענדיקע | זינגענדיקע | ״ | 30 | ווינטר | ווינטער |
| 41 | 2 | געצווינגען | געצווינגענזיין | ״ | 31 | פויגלעך | פויגעלעך |
| | | איבערגעבן | איבערגעבן | 58 | 32 | און | אין |
| 42 | 20 | קונד | קינד | | 11 | פילאזאפיע | פילאָסאָפיע |
| 43 | 3 | אַרובלאָזען | ארומבלאָזען | 62 | 13 | געשטרעקט | געשטארקט |
| ״ | 10 | אין | און | 63 | 1 | אַצינט | אַצינד |
| 46 | 27 | נאַר | נאָך | ״ | 27 | און | אין |
| 47 | 10 | פראַפינאַציע | פראַפינאַציע | ״ | 28 | מוזנלאָך | מויזנלאָך |
| ״ | 14 | זאָלסטי | זאָלסטו | 64 | ״ | געבאי׳טע | גבאי׳טע |
| ״ | 21 | ווינדער | ווונדער | | 6 | דער הערט | דערהערט |
| ״ | 33 | פארטראַגען | פאַרטראַגען | | 27 | און און מען | און מען |